STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01740

YESHUA HA-NOTSRI

D. M. Hermalin

Permanent preservation of this book was made possible
by Virginia O. Boochever
in honor of
Louis C. Boochever, great nephew of Joseph Bovshover

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ישוע הנוצרי

זיין ערשיינען, לעבען און טויט

אלגעמיינער איבערבליק וועגען דער ענטשטעהונג פון קריסטענטהום.
ענטוויקלונג און ווירקונג פון דיזער רעליגיאן אויף
דער מענשהייט

געשילדערט פון א היסטארישען שטאנדפונקט

פון

ד. מ. הערמאלין

ISBN:0-657-01740-X
Old Call No.,97-41 v.

1931
HEBREW PUBLISHING COMPANY
632-34 BROADWAY, NEW YORK
Printed in U.S.A.

ערשטעס קאפיטעל

היסטארישע השערות און בעווייזע איבער דער עקזיסטענץ פון ישוע הנוצרי

פיעלע געלעהרנטע מענער האבען בעהויפטעט אז עס איז איבערהויפט א ספק אויב ישוע הנוצרי האט גאר עקזיסטירט אויף דער וועלט. זיי בעגרינדען זייערע בעהויפטונגען דאראויף, וואס עס איז אפילו ניט פעסט געשטעלט אין וועלכער צייט דער קריסטליכער געזעטץ־געבער האט געלעבט.*) יעדער מענש, וואס שטודירט נאר דאס קריסטענטהום, מוז צו געבען, דאס ווען ניט שאול, אדער דער אפאסטעל פאולוס, וואלט גאר קיין קריסטענטהום געווען. דאראויף געשטיצט, זאגט מען דאס פאולוס איז געווען דער הויפט געזעץ־געבער און ער האט זיך נאר פעררופען אויף א פערזאן פון זיין אייגענער פאנטאזיע.**) דערפאר, ווען איין ערנסטער מענש, מיט עהרליכע אבזיכטען, האט אפילו א מאל יא גע־וואלט זיך די מיה געבען, אדער ער האט זיך די מיה געגעבען, אויפצושרייבען די ביאגראפיע פון ישוע הנוצרי, האבען זאגענאנטע אינטעליגענטע מענער פון אים חוזק געמאכט, בעהויפטענדיג אז ער געהט זיך באשעפטיגען מיט א פערזאן וואס איז געבוירען געווארען אין דער פאנטאזיע פון קראנקע געהירן.

ווען מיר פראבירען צו זוכען עפעס טהאטזעכליכעס אין דער ארבייט פון אידישע געשיכטע־שרייבער פון יענער צייט אדער פון עטוואס שפעטער, איבער ישוע הנוצרי, מוזען מיר קומען צו איין אונבעפרידיגטען רעזולטאט. מען האט דאריבער דאמאלס גאר ניט געשריבען, אדער ווען יעמאנד האט אפילו יא עפעס געשריבען, קומען מענשען מיט טיכטיגע בעווייזע און זאגען אונז, אז די געשיכט־ליכע פערצייכנונג איז צווייפעלהאפט אדער גאר אין גאנצען ליגען. פלאוויוס יאזעפוס, אדער יוסיפון הכהן, וועלכער האט געלעבט צו דער צייט פון חורבן בית שני, איז די גרעסטע היסטארישע אויטאריטעט וואס מיר האבען פון יענע צייטען איבער דיעזען ענין. מיר געפינען אין זיין געשיכטע פאלגענדע ווערטער:

---

* אין די ווייטערע קאפיטלען וועלען מיר רעדען דאריבער.

** דיזער פאל האט פאסירט צאהלרייכע מאל מיט אידיען־פרעדיגער אדער ספרים־פערפא־סער פון אלטע צייטען זעה די הקדמה צום „ספר היובלים” פון דר. שלמה ראבין.

„צו דיעזער צייט איז געווען א געוויסער ישוע, א קלוגער מאַן, אויב מיר מעגען איהם אַזוי רופען: ווייל ער האָט געטאָן וואונדערבארע זאכען, א לעהרער פון אַזעלכע מענשען וואָס האָבען עמפּפאַנגען די וואהרהייט מיט פערגעניגען. ער האָט צוגעצויגען אויף זיין זייט פיעלע פון די אידען און אויך פיעלע פון די היידען,—ער איז געווען משיח. און ווען פּילאטוס, אויף דער אויפפאָדערונג פון אונזערע הויפּט־מענער, האָט איהם פעראורטהיילט צום קרייץ, דאַן האָבען דיעזע וואָס האָבען איהם געליעבט פון ערשטען מאָל, איהם ניט פערלאָזען; ווייל ער איז צו זיי ערשינען אם דריטען טאָג ווידער לעבעדיג, ווי די הייליגע נביאים האָבען דאָס פאראויסגעזאָגט און צעהן טויזענד אַנדערע וואונדערבארע זאכען איבער איהם: און דער שטאַם פון די קריסטען, אַזוי אַנגערופען נאָך איהם, איז נאָך ניט אונטערגעגאַנגען ביז צום היינטיגען טאָג". (Josephus, Antiquitates, lib. XVIII).

אָט דיעזע ווערטער, באהויפּטען אויך קריסטליכע געלעהרנטע, האָט יאָזעפוס ניט אָנגעשריבען און ניט געקענט שרייבען. ערשטענס איז דאָס א ווידער־שפּרוך צום סטיל פון זיין גאַנצער געשיכטע, און צווייטענס, זייענדיג א מיט־גליעד פון דער הערשענדער פרומער פּרושים קלאַסע, איז ער געווים געווען א געגנער פון דער גאנצער ישוע הנוצרי לעהרע.*) דיעזע קריסטען אָבער, וואָס ווילען אונבעדינגט האָבען אַז יאָזעפוס האָט יא געשריבען דיעזע ווערטער ברענגען בעווייזע דערפון, דאָס מיט א 150 יאָהר נאָך יאָזעפוס'ס טויט, זייַנען שוין זיינע דבורים ציטירט געוואָרען. (Origen Comment in Matt. p. 234) אָבער אין דער וואַרהייט געשפּראָכען, בעווייזט דאָס נאָך אבסאלוט ניט אַז יאָזעפוס איז געווען דער פערפאסער פון דעם גענאַנטען פאַראַגראַף. ער שטעלט בלויז פעסט, דאָס די אביזיכטליכע אָדער אונגערן פעלשונג, איז געמאַכט געוואָרען זעהר פריה, דאָס הייסט, באַלד נאָך יאָזעפוס'עס טויט, פון יעמאַנד וואָס האָט איבערגעשריבען א קאָפּיע פון זיינע ווערק פיר זיין אייגענעם געברויך.**)

איין בעווייז ליעפערט אונז אָבער יאָ די אַלטע געשיכטע, וועלכער איז פּאַ־

---

* כמעט אלע ערשטע קירכען־פאטערס, וועלכע דערמאנען יאזעפוס'ן מוזן מודה זיין, אז ער איז ניט געווען קיין קריסט, זאנדערן איין אמת'ר פרושי, וואס האט געהאלטען שטאהל און אייזען פיר די לעהרען פון דער הערשענדער פרושים קלאסע.

**עהנליכע זאכען האבען פאסירט מיט דער גמרא און אנדערע ספרים. מאנכע האבען צו געשריבען זייטיגע באמערקונגען, און דאן, ווען דער מאנוסקריפט איז איבערגעשריבען געווא־רען, האט מען דאס אריינגעשטעלט בגוף הספר, און דאס פעררופען אויף דעם נאמען פון פערפאסער פון בוך.

זיטיוו א וואהרהייט. איידער איך געה דיעזען בעווייז שילדערן, געפין איך עס פיר נעטהיג צו מאכען א קליינעם חשבון: ישוע הנוצרי, לויט וויא די קריסטען רעכענען, איז געבוירען געווארען מיט 1897 יאהר צוריק, און ער האט געלעבט 33 יאהר. דער צווייטער בית־המקדש איז חרוב געווארען מיט 1829 יאהר צוריק, אדער מיט 35 יאהר נאך ישוע'ס טויט. פלאוויוס יאזעפוס, צום צייט פון חורבן, איז ער געווען א גענעראל אין דער אידישער ארמעע, און ער איז געוויס געווען א מאן פון א יאהר 30 אדער מעהר. מיט איינינע יאהר בלויז פאר יאזעפוס'ן, האט נאך ישוע געלעבט, און יאזעפוס האט געוויס בעדארפט בעזיצען, ווען ער וואלט בענעטהיגט צו זיין געשיכטליכער ארבייט, די בעסטע דאקומענטען איבער ישוע'ן. אבער, וויא עס שיינט, איז ישוע הנוצרי געווען פון אזא קליינער בעדייטונג, אונטער אידען, אז דער גרויסער אידישער היסטאריקער האט עס ניט געקענט געפינען פיר נעטהיג זיין ביאגראפיע צו שילדערן, פון א היסטארישען שטאנדפונקט, וויא זיין טבע איז געווען. ישוע הנוצרי האט ערשט אנגעפאנגען צו שפיעלען א ראָלע דאמאלס, ווען זיינע נאכפאלגער האבען איינגעדרונגען מיט זייער לעהרע אונטער דיא היידען. מיר זעהען דערפאר זאפארט וויא קריסטענטהום האט אנגעפאנגען צו מאכען עפעס א רושם, האט שוין דער גרעסטער אומות־העולם היסטאריקער פון יענעם דור, דאס געפינען פיר נעטהיג צו דערמאנען. טאציטוס, איינער פון די וויכטיגסטע רוימישע אויטאריטעטען, וועלכער האט געלעבט אין יאזעפוסע'ס צייט און נאך עטוואס שפעטער פון אים, שרייבט דיעזע ווערטער:

„נערא, אום צו פערשטיקען דעם אויפרוהר (גלייך וויא ער אליין וואלט רוים אונטערגעצונדען.) האט עס צוגעשריבען צו דיעזע מענשען וואס זיינען געווען געהאסט פיר זייערע שלעכטע מעשים, און אנגערופען פון המון, קריסטען: דיעזע האט ער שרעקליך בעשטראפט. דער אייגענטהימער פון דיעזען נאמען איז געווען קריסטוס, וועלכער, אין דער רעגירונגס־צייט פון טיבעריוס, איז ער געבראכט געווארען צור שטראפע דורך פאנטיוס פילאטוס, דער פראקוראטאר."

(Tacit. Annal. lib. XV cap. 44.)

דיא ציפערן וואס איך האב פריהער געבראכט, זיינען נאר געווען אום צו בעווייזען וויא נאהענט יאזעפוס איז געשטאנען פון קריסטוס'עס פעריאדע, און אזוי וויא טאציטוס איז געווען אין איין צייט מיט איהם און אויך עטוואס נאך איהם, וויא נאהענט אלזא דער לעצטער איז אויך געווען צו קריסטוס'עס צייט. ווען יאזעפוס האט ניט געפינען פיר ווערטה צו דערמאנען דעם נוצרי אלס געשיכטליכע פערזאן, האט דעננאך, גלייך נאך איהם, טאציטוס, איהם יא דערמאנט, ווייל דאמאלס האבען אנגעפאנגען די גרויסע פערפאלגונגען געגען קריסטען, און דאס האט שוין געבילדעט א געשיכטליכע פערצייכנונג, פון א היסטארישען ווערטה. ווען טאציטוס וואלט

נאָך גערעדט איבער קריסטען אין אלגעמיין, וואָלט נאָך קיין בעוויז געווען דאס אַ ישוע הנוצרי האָט עקזיסטירט, אָבער ער האָט דערמאָנט דעם נאָמען קריסטוס מיט זיין טראַגישעס ענדע צוזאַמען מיט פּאָנטיוס פּילאַטוס, און דאָס האָט אַ וויכטיגע בעדייטונג. עס שיינט דערפון, אַז טאַציטוס האָט ניט געשריבען איבער קיין פאַנטאַסטישע פּערזאָן, זאָנדערן איבער אַ ווירקליכען מענשען וואָס האָט מיט אַ קורצער צייט פריער עקזיסטירט. די ווערטער: „קריסטוס איז געבראַכט געוואָרען צור שטראָפע דורך פּאָנטיוס פּילאַטוס”, האָט ער געוויס גענומען פון די רוימישע אַרכיוועז, וועלכע האָבען זיך געפיהרט מיט גרויסער פּינקטליכקייט, און זיי האָבען זיכער געהאַט דעם בעריכט פון פּאָנטיוס פּילאַטוס, דער געוועזענער רוימישער גאָווערנאָר איבער פּאַלעסטינא, וועלכער האָט אונטערגעשריבען ישוע׳ס הנוצרי׳ס טויטעס אורטהייל.

איך מיין דערמיט צו בעהויפּטען, אַז דיזער לעצטער היסטאָרישער פאַקט, פערוואָרפט יעדען צווייפעל איבער דער עקזיסטענץ פון ישוע הנוצרי׳ס פּערזאָן.

צווייטעס קאַפּיטעל

אונטערזוכונגען פון אידישע קוועלען איבער ישוע הנוצרי

איך האָב פיעל אָדער וועניג בעוויזען, אַז ישוע הנוצרי איז דער נאָמען פון אַ פּערזאָן וואָס האָט ווירקליך געלעבט און עקזיסטירט. אָבער אַז ישוע הנוצרי האָט די אידען זעהר וועניג אָדער גאָר ניט אינטערעסירט, איז דער בעסטער בעוויז דערפון, אַז אידען האָבען איהם אפילו ניט דערמאָנט אין זייערע גאַנץ ערשטע שריפטען. די משנה, שיינט עס, וויים גאָר ניט פון ישוע הנוצרי. איך מיין ניט דערמיט צו זאָגען אַז די חכמי המשנה האָבען איבער איהם גאָר ניט געוואוסט אָדער ניט געהערט, זאָנדערן אַז ער האָט ביי זיי אַזאַ קליינע ראָלע געשפּיעלט, דאָס זיי האָבען איהם אפילו ניט דערמאָנט. ער איז געוועזען, וואהר־שיינליך, איינער פון פיעלע אַנדערע אָפּפער פון אומשטענדען, וואָס זיינען הינ־געריכטעט געוואָרען צור צייט פון בית־שני, און ישוע׳ס נאָכפאָלגער וויא אויך זיין ווירקען איבער אידען, זיינען געווען אַזוי אונבעדייטענד, אַז עס איז ניט ווערטה געווען צו פערלירען ווערטער דאריבער.*)

* די משנה אין עבודה זרה ענטהאַלט פאָלגענדע ווערטער: „ואלו אידיהן של עו״ג: קלנדא וסטרנורא וקרטסים ויום גנוסיא של מלכים ויום המיתה”. מיר זעהען דאָ קיין איינציגען קריסטליכען יום־טוב אויסגערעכענט. ערשט שפּעטער, האט מוסיף געווען די גמרא, „יום נוצרי”

מיר געפינען אַלזאָ ערשט ברוך־שטיקע איבער ישוע הנוצרי גאַנץ שפּעט, דאָס הייסט, אין דער גמרא זאַמלונג*) אָדער אַ היבשע צייט נאָך דעם וויא דאָס קריסטענטהום איז שוין געווען פערברייטעט איבער אַזיען און אייראָפּאַ. דאָס מערקווירדיגסטע דערביי איז, וואָס גראַדע דער תלמוד בבלי, ענטהאַלטעט מעהר פון דיזע ברוך־שטיקע, אַלס דער תלמוד ירושלמי. מען דאַרף ניט פאַרגעסען, אַז די שרייבער פון תלמוד ירושלמי, זייענדיג אין פּאַלעסטינא, דאָרט וואו די סצענע האָט זיך אָפּגעשפּילט, האָבען זיי בעדאַרפט מעהר וויסען איבער דעם נוצרי אַלס די באַבילאָנישע אידען וואָס זיינען געווען אַזוי ערווייטערט פון דאָרט. אָבער ליידער, זיינען דיזע ברוך־שטיקע זאָגאַר, אַזוי אונדייטליך און אויך אונפערשטענדליך, דאָס עס איז כמעט אונמעגליך זיך צו שאַפען אירגענד אַ בעגריף וואָס די אמוראים האָבען דערמיט געוואָלט בעהויפּטען. איך וועל דאָ ברענגען פאַר אַ ציקאַוויס אַ ביישפּיעל פון אַ מיש־מאַש: „בן סטדא בן פנדירא הוא, אמר רב חסדא, בעל סטדא בועל פנדירא, בעל פפוס בן יהודה הוא אמו סטדא, אמו מרים מגדלית נשיא הוי,כדאמרינן בפומבדיתא סטת דא מבעלה“. (שבת דף ק״ד יע״ב.) וועלכער היסטאָריקער קען פון אַזאַ אונדייטליכקייט קלייבען פאַקטען פיר אַ ווערק וואָס זאָל צופריעדען שטעלען איין אינטעליגענטע וועלט? אָט אַזעלכע און ענהליכע שטיקלעך געפינען מיר צושפּרייט איבער דעם גאַנצען ים התלמוד און מיר קענען דערפון קיין גאַנצע זאַך ניט בילדען. יעצט קומען מיר צו דעם ספר מיט דעם נאָמען „תולדות ישו.״ דאָס איז, אָן צווייפעל, דאָס ערשטע ווערק וואָס מען האָט אויפגעשריבען אונטער אידען, מיט דעם אבזיכט צו געבען אַ בעגריף פיר אידען איבער ישוע הנוצרי. (פון דעם ליטעראַרישען און היסטאָרישען ווערטה פון דיזען בוך, וועל איך אין די נעקסטע קאַפּיטלען רעדען.) יעצט פרעגט זיך בלויז: צו וועלכער צייט איז דיזעם בוך אויפגעשריבען געוואָרען? פיעלע מענשען האָבען באהויפּטעט אַז דאָס איז אַ פערפאַסונג פון 13־טען יאָהרהונדערט. **) איך גלויב אָבער אַז דאָס איז ניט ריכטיג. הערט אויף וואָס איך בעגרינדע מיין בעהויפּטונג: דער וואָס לייענט דעם קאָראַן און איז, אין דער זעלבער צייט, אויך בעקאַנט מיט ביבלישעם און תלמודישעם פון יודענטהום, ערבליקט דאָרט דאָס מאהאמעד,

---

(ע״ז דף ו׳ ע״א.) רש״י ערקלערט דאָס אַזוי: „יום נוצרי ההולך בטעותו של אותו האיש שצוה להם לעשות להם יום איד בא. בשבת.״

* דער תלמוד ירושלמי און דער תלמוד בבלי, זיינען פּאָזיטיוו גאַנץ שפּעטע פערפאַ־סונגען; דאָס הייסט, זיי האָבען אַנגעפאַנגען רעדאַקטירט צו ווערען וועניגסטענס מיט 400 יאָהר נאָך קריסטוס און פערטיג געוואָרען אין 8טען יאָהרהונדערט.

** זעה Millman's History of the Jews Vol. III.

האט זיין גאנצע וויסענשאפט געשעפט פון יודענטהום*) מיר ערבליקען אין קאראן א גאנצע רייהע מופתים, וואס ישוע הנוצרי האט געמאכט, וועלכע זיינען אויף דערזעלבער ארט געשילדערט וויא אין „תולדות ישו.“ מאהאמעד האט, אן צווייפעל, דיזע מופתים ענטנומען פון די אידען, און ניט די אידען פון מאהאמעד'ן. נאך מעהר, מאהאמעד האט דאס ניט געקענט ענטנעהמען פון נייעם טעסטאמענט, ווייל דארט זיינען איבערהויבט אזעלכע זאכען ניט דערמאנט.**) מאהאמעד האט געלעבט צום אנפאנג פון 7־טען יאהר הונדערט, אדער קודם חתימת התלמוד, און אז „תולדות ישו“ איז ניט געשריבען געווארען פיעל פריער אלס דיזע צייט, איז ארויס צו זעהען דערפון, וואס די רעדאקטערע פון תלמוד האבען פון דארט מאנכעס ענטנומען און איבערגעגעבען אין דעם אייגענטהימ־ליכען העברעאיש־קאלדעאישען סטיל, וואס האט אין יענער פעריאדע זיך אויס־געבילדעט.***) איך רעכען דערפאר, אז „תולדות ישו“ איז פערפאסט געווארען צום שלום פון 6־טען יאהרהונדערט, פון א מענשען וואס האט אבסאלוט קיין רעכט געהאט זיך פארצושטעלען אלס היסטאריקער. (וויא איך וועל דאס ווייטער בעווייזען פון זיינע אייגענע דומהייטען.) דערמיט שליסען זיך אלע אויטארי־טעטען פון אלטערטהום, און דערפון אליין, מיט דעם „נייעם טעסטאמענט“

---

* זעה דעם ארטיקעל Mohammedanism אין דער Encyclopaedia Britannica Vol. XVI אויך רענאן אין זיין Etudes d'historie וואו עס ווערט פעסטגעשטעלט דאס מאהאמעד האט גענאסען זיין גאנצע בילדונג פון אידען. זעה אויך גייגער'ס אינטערעסאנטעם ווערק: "Was hat Mahommet aus dem Judenthum aufgenommen?"

** פערגלייך אלס ביישפיעל די מעשה מיט די ליימענע פייגעל וואס קריסטוס האט געמאכט פליהען אין „תולדות ישו“ און אין קאראן, זיינען זיי אויף איין ארט געשילדערט. זעה: Sale's translation of the Al Koran: cap. III, The family of Imran.

*** פאלגענדע ווערטער זיינען געקומען פון דער גמרא סנהדרין דף מ"ג, ע"א: „והתניא בערב הפסח תלאוהו לישו, והכרוז יוצא לפניו ארבעים יום, יוצא ליסקל על שכישף והסית והדיח את ישראל כל מי שיודע לו זכות יבא וילמד עליו; ולא מצאו לו זכות. ותלאוהו בערב פסח. אמר עולא, ותסברא בר הפוכי זכות הוא, מסית ומדיח הוא ורחמנא אמר: „לא תחמול ולא תכסה עליו?“ אלא שאני ישו, דקרוב למלכות הוא“. — דאס, ביז אהער, איז אן צווייפעל אין ריינעם גמרא סטיל, געשטיצט אויף די מעשיות פון „תולדות ישו.“ ווייטער פאלגט אבער אויף דעם זעלבען פלאץ, איין אבהאנדלונג וואס איז גענומען דירעקט פון „תולדות ישו“, און די שפראכע האט די עהנליכקייט מיט דער משנה און מיט דעם שפעטערן מדרש־סטיל, אבער דורכאויס ניט תלמודיש. מערקט עס גוט: „חמשה תלמידים היו לו לישו: מתאי, נקאי, נצר, ובוני, ותודה. אתיוה למתי; אמר להו: מתי יהרג? הכתיב: מתי אבא ואראה פני אלהים? אמרו לו: אין! מתי יהרג, דכתיב: מתי ימות ואבד שמו. אתיוה לנקאי; אמר להו: נקאי יהרג?

צוזאמען. מוזען מיר זוכען ארויס צו קריגען עפּעס ווארהייט איבער ישוע הנוצרי; אַ פערזאָן וואָס האָט געקריגען איבער 300 מיליאָן אָנהענגער, און דורך וועלכען, אַזוי פיעלע טייבען בלוט זיינען פערגאָסען געוואָרען.

דריטעס קאַפּיטעל

דער אידישער צושטאַנד אין ישוע נוצרי'ס צייטען אונטער רוימישער הערשאַפט

ווען אידען זאָגען „בעוונותינו הרבים" האָבען זיי פערלוירען זייער פאָטער־לאַנד, דאַרף מען דאָס ניט פערשטעהן אונטער עוונות בין אדם למקום, זאָנדערן אונטער עוונות בין איש לרעהו וואָס איז נוגע אידישע פרומקייט אין האַלטען די מצוות על פי התורה און מפרשי התורה, זיינען די אידען נאָך געווען, אין פיע־לע פעללע, צו פּינקטליך. וואָס איז אָבער נוגע פון זייערע אייגענע אינטערעסען בין איש לרעהו, האָבען זיי דורך די שטענדיגע צאַנקערייען, און איבער דעם אויס־פעהלען פון אחדות, ווירקליך פיעל געליטען. אָבער דאָס איז נאָך אויך ניט אַלעס: אידען האָבען ניט געליטען אין גאַנצען פאַר זייערע אייגענע פעהלער, זאָנדערן דורך די אומשטענדען פון דער צייט. פריהער זיינען אויפגעשטאַנען די גרעקען, און ווי אַ שטורם־ווינד האָבען זיי פּאַסירט אַלע ארומיגע לענדער אין אַזיען און איירופּאַ, און אַלעמען אונטערוואָרפען. די אידען האָבען דאַמאָלס ניט מעהר געליטען וויא זייערע שכנים, וועלכע זיינען געפאַלען אַלס אָפּפער פון די וועלט־איינשלינגער. דאַן זיינען ערשינען די רוימער, וועלכע, נאָך מיט מעהר וואוטה ווי די גרעקען, האָבען זיי אויפגעבויט זייער גרויסקייט אויף די חורבות פון אַנדערע בליהענדע און גליקליכע לענדער. די אידען זיינען בלויז געווען אַ טהייל פון די אָפּפער צו רוימישע רויבעריי און בלוט פערגיסונג. כל־זמן הורדוס דער גרויסער האָט געלעבט, איז די דיפּלאָמאַטיע מיט רוים טיכטיג פערוואַלטעט

———

הכתיב ונקי וצדיק אל תהרג? אמרו לו: איִן! נקאי יהרג, דכתיב: במסתרים יהרג נקי. אתיוה לנצר; אמר להו: נצר יהרג? הכתיב: ונצר משרשיו יפרה? אמרו ליה: איִן! נצר יהרג, דכתיב: ואתה השלכת מקברך כנצר נתעב. אתיוה לבוני; אמר להו: בוני יהרג הכתיב: בני בכורי ישראל? אמרו לו: איִן! בוני יהרג, דכתיב: הנה אנכי הורג את בנך בכרך. אתיוה לתודה; אמר להו: תודה יהרג? הכתיב: מזמור לתודה; אמרו ליה: איִן! תודה יהרג, דכתיב: זובח תודה יכבדנני."

געוואָרען, און דורך זיינע קלוגע און איבערלעגטע האנדלונגען געגען די רוימישע הערשער, איז עס געלונגען צו עקזיסטירען מיט אַ זעלבסטשטענדיגער רעגירונג, בלויז אונטער רוימישער פּראָטעקציאָן און אויפזיכט. ווען הורדוס איז געשטאָרבען און פּאַלעסטינא איז צעריסען געוואָרען אין שטיקער, און פערטהיילט אונטער פערשידענע הערשער, האָט אויך דאָס אונגליק פיר דער אידישער נאַציאָן אנגעפאַנגען. דיעזע צערטהיילונג האָט פעראורזאַכט אינערליכע אונרוהען, און אַזעלכע מענשען, וואָס האָבען גאַנץ גוט בעגריפען רוים׳ס מאַכט, אַז געגען איהר מוז ציטערן אַ וועלט, האָבען אָנגעפאַנגען וועניגער צו ווערען אָדער זיי האָבען פערלוירען זייער איינפלוס. עס איז נאַטירליך געווען אַ נאַציאָנאַלער זעלבסטמאָרד אירגענד איין אונטערנעהמונג צו מאַכען אום זיך צו בעפרייען פון רוימישער הערשאַפט. אָבער די אידעע פון בעפרייאונג, האָט אונטערדעסען געוואַקסען. יאָ, די אידען האָבען געוואָלט פריי זיין פון דער שרעקליכער רוימישער אונטערדריקונג—אָבער ווי אַזוי? אונטער וועלכע אומשטענדען? דיעזע פראַגען איז זיי שווער געווען צום בעענטפערען, ווען זיי האָבען געהערט פון דער אונגעהייערע מאַכט פון די רוימער. אָבער וויא האָט גאָט געקענט בעפרייען אַ שקלאַפען־פאָלק פון מעכטיגען עגיפּטען? ביי גאָט איז דאָך אַלעס מעגליך: ער קען אַלעס ווען ער וויל! דאָס אַלזאָ האָט געפיהרט צו דער אידעע פון איין איבערנאַטירליכע רעטונג; פון אַ משיח וואָס זאָל בעפרייען דאָס פאָלק ישראל פון זיינע טיראַנישע אונטערדרוקער. דיעזע אידעע אָדער האָפנונג, האָט צו דאָמאָליגער צייט אַרויסגערופען איינינע משיחים. אָבער זייער ראָלע איז געווען גאַנץ קורץ, און זייער איינפלוס האָט קיינע פריכטע געטראָגען. עס מוז דאָ פעסטגעשטעלט ווערען וואָס פאַר אַ משיח*) אידען האָבען ערוואַרטעט: זיי האָבען געוואָלט אַ בעפרייער, אַזעלכער ווי משה איז געווען, וואָס זאָל צעשמעטערן זייערע קייטען פון שקלאַפעריי. אַ משיח וואָס זאָל רעטען זייערע נשמות אָדער אַ גייסטיגער בעפרייער, אַזעלכען האָבען זיי גאָר ניט פערלאַנגט. זיי זיינען געווען, וויא איך האָב שוין געזאָגט, פרום גענוג און גאַנץ צופריעדען מיט זייער גייסטיגען צושטאַנד, אַז אַ בעסערונג צו פערלאַנגען.

---

* ביז שאול׳ן ווי בעקאַנט, האָבען אידען ניט געהאַט קיין מלך. ווען שמואל הנביא, דער זאָגענאַנטער פּרעזידענט פון דער אידישער רעפּובליק, איז אַלט געוואָרען, זיינען די אידען ערשינען פאַר איהם און פערלאַנגט אַ קעניג וואָס זאָל זיי רעגירען. שמואל איז שטאַרק אין כעס געוואָרען איבער דיזען וואונש, און ער האָט געפרעגט גאָט וואָס ער זאָל טאָן! גאָט האָט איהם געענטפערט ער זאָל ערפילען זייער וואונש; אָבער, אין דער זעלבער צייט, זיי דערציילען דאָס „דער קעניג וואָס וועט איבער זיי רעגירען, וועט אַוועקנעהמען זייערע זיהן און זיי איינשפּאַנען אין זיינע דראָשקעס און רייט־וועגען: זיי וועלען דאַרפען לויפען אין פראָנט

דער „אין להם משיח לישראל שכבר אכלוהו בימי יחזקיהו", וואס הלל האט געזאגט, האט אמבעסטען געפאסט פיר די דאמאליגע אומשטענדען. די קלוגע, די פערשטענדיגע אידען, וואס האבען געוואוסט וועלכעס אונגליק א רעוואלוציאן געגען די רוימער קען ארויסרופען, האבען זיך בעשטרעבט מיט לייב און זעעלע צוריק צו האלטען דאס פאלק פון דער אידעע פון איין איבערנאטירליכען בעפרייער. אז זיי זיינען געוועזען פאטריאטיש גענוג צו זוכען, מיט די אנדערע, ארונטער צו ווארפען רוים'ס יאך, דאריבער איז קיין צווייפעל. אבער זיי האבען ניט געגלויבט אין איבערנאטירליכקייט און זיך בעסער בעשלאסען רוהיג צו ליידען אזוי לאנג, ביז די אומשטענדען פון די פעלקער וועלען זיך וועקסלען, אדער רוים, גלייך ווי גריכלאנד, וועט פאלען, און זייער בעפרייאונג וועט במילא קומען. זיך אויסזעטצען דער געפאהר פון א נאציאנאלעם אונגליק, פערקויפט צו ווערען אין דער שקלאפעריי ווי דער פאל איז שפעטער געוועזען, און פארלירען יעדע האפנונג פיר זעלבסטשטענדיגקייט, האבען די מנהיגי-ישראל ניט געוואלט. דאס איז געוועזען די אורזאכע וואס די כהנים, אדער די אינטעליגענטע קלאסען פון יודענטהום, די סופרים און פרושים, האבען זיך אימער בעשטרעבט

פון זיינע דראשקעס: זיי וועלען מוזען אקערען זיינע פעלדער, שניידען זיין תבואה; פאבריצירען זיינע געוועהר און רייט-וועגען; ער וועט מאכען פון זייערע טעכטער קעכינס, שלאכטעריגס, בעקערינס; זייערע פעלדער, וויינגערטנער, בעסטע איילבירטען, וועט ער אוועקגעבען צו זיינע טשינאווניקעס" א. ז. וו. (שמואל א' י"ט י"א—ט"ו.) טראץ דעם אלעמען אבער, זיינען די אידען דארויף באשטאנען. שמואל האט דאן אויפגעזוכט שאול'ן און איהם געמאכט פיר א „משיח יהוה." מיר געפינען שפעטער ווען דוד האט ערהאלטען די נאכריכט פון שאול'ס טויט, האט ער אויסגערופען צו דעם בן איש גר עמלקי: „איך לא יראת לשלוח ידך לשחת את משיח יהוה?" (שמואל ב' א', ט"ו.) „משיח יהוה" איז אלזא געוועזען דער נאמען, אויך שפעטער, פיר יעדען הערשער אונטער אידען, וועלכען גאט האט פון אנפאנג, דורך זיין נביא שמואל, ניט זעהר גלענצענד רעקאמענדירט. ער האט געהייסען 'משיח", ווייל ער איז געזאלבט געווא-רען מיט אייל צו דיזען אמט. זיין בעדייטונג איז געוועזען, דאס ער איז דער פיהרער פון דער אידישער ארמעע, און זיין פליכט איז צו פארטיידיגען נחלת ד', אדער די בני ישראל. זאגאר ווען ישעיה האט פארגעשטעלט א „משיח יהוה" מיט די זעלטענסטע מעלות, האט מען אונטער איהם אויך פארשטאנען א קעניג, א הערשער נאר אנשטאט א לומפיגער הערשער, וועט ער זיין א זעלטענער אנשטענדיגער מענש. א משיח וואס זאל זארגען פיר די נשמות, איז, אן צווייפעל, געווען געגען דעם אלגעמיינעם בעגריף פון ווארט משיח אונטער אידען. אז די אידען צוזאמען מיט ר' עקיבא'ן האבען גערעכענט בר כוכבא'ן פיר א משיח, דאריבער איז גאר קיין צווייפעל. זעהט אלזא בר כוכבא'ס טהאטען און איבערצייגט זיך וואס פיר א בעגריף אידען האבען געהאט פון א משיח.

די משיח־אידעע צו אונטערדרוקען. דאָס ערשיינען פון אַ משיח,האָבען זיי געוואוסט, בעדייטעט רעוואָלוציאָן, און רעוואָלוציאָן מוז פיהרען צו אַ נאַציאָנאַלען אונטערגאַנג, אָדער, ווענינגסטענס, צו פערלירען דאָס הייליגע לאַנד און דעם בית־המקדש, וואָס זיי האָבען געליעבט גראַדע אַזויפיעל ווי זייער פערזענליכע פרייהייט. אָט דיעזע אינטעליגענטע אידען האָבען בייגעוואָהנט אַזעלכע אונגליקען אונטער זייערע שכנים, און זיי האָבען געציטערט פאַר אַזאַ צייט. דאָס פאָלק, די אונערפאַרענע, אָדער די אונוויסענדע, וועלכע האָבען ניט געקענט אָדער ניט געאַכטעט אויף רוים׳ס מאַכט און זיך פערלאָזען אויף איין איבערנאַטירליכען רעטער, האָבען געזוכט די פסוקים אין דער ביבעל, וואו עס איז דאָ עפּעס אַ בעדייטונג וועגען ישראל׳ס ערלעזונג, און דערפון זיך אויסגערעכענט אַ צייט פון דער בעפרייאונג. אַ משיח, אַ רעטער, איין ערלעזער פון שקלאַפעריי און אויסבייטונג, דאָס האָבען זיי געזוכט, און זיך פאָרגעשטעלט לויט די פּראָפעצייהונגען פון די נביאים און זייער אייגענע פאַנטאַזיע. עס האָבען אָנגעפאַנגען צו ערשיינען פיעלע משיחים, אָבער די אינטעליגענטע קלאַסען האָבען פון זיי גלייך איין ענדע געמאַכט. ערשטענס דורך דעם אויפציייגען פון זייער אונוויסענהייט, (מען דאַרף ניט פערגעסען אַז אַ וואָהרער אידישער פּאַטריאָט וואָס האָט געקענט די טרויעריגע אומשטענדען, וואָלט זיך ניט פאָרגעשטעלט אַלס רעטער, וויסענדיג אַז ער קען ניט רעטען,) און צווייטענס דורך זייער איינפלוס אויפ׳ן פאָלק, אָברעדענדיג די היטץ־קעפּ פון איין איבעראיילטען שריט.

ווען מען האָט ערפאַהרען אַז ערגעץ־וואו איז ערשינען אַ משיח, איז מען באַלד געקומען פון די כהנים און די סופרים, און דעם פאָלקס־פערפיהרער אָבגעהאַקט די פליגעל, נאָך איידער די רוימישע פערוואַלטער האָבען דערפון ערפאַהרען. יאָזעפוס ברענגט צאָהלרייכע ביישפּיעלע, ווי די בלוט־דורסטיגע רוימער האָבען געזוכט די מינדעסטע געלעגענהייט צו בעפאַלען די אידען און זיי אויסקוילען, און זיי האָבען אויך ניט נאָר איינמאָל אַזאַ געלעגענהייט געפונען.

פיערטעס קאפיטעל

ישוע הנוצרי'ס ערשטעס ערשיינען און דער איינדרוק אויף די אידען

ווען ישוע הנוצרי איז צום ערשטען מאל ערשיענען, ערבליקען מיר, וויא געוועהנליך, אונטער זיינע נאכפאלגער, מיטגלידער פון דיעזער קלאסע מענשען, וואס האבען ניט געקענט וויסען פון די וואהרע אומשטענדען. זיין ליבּ־מענש איז געוועזען שמעון פעטרוס; א אידעל פון דער גיעדריגסטער קלאסע פון פאלק: איין ארמער פישער פון פראפעסיאן און איין עם־הארץ פון בערוף.*) מען קען זיך אלזא א בעגריף מאכען ווער די איבעריגע זיינען געוועזן. וויא מען האט פון איהם ערפאהרען אין די העכערע קרייזען, זיינען גלייך געקומען אייניגע אינטעליגענטע פרושים צו זעהן, ערשטענס, אויב דער חברה־מאן קען זאפארט געפעהרליך ווערען, און צווייטענס, ווען ניט, איהם פארלויפיג צו פערמיאוס'ן ביים פאלק אלס איין עם־הארץ,**) כדי ער זאל אויך פיר שפעטער זיין איינפלוס פערלירען.***) מאטטהעאוס (19, 3) דערצעהלט אזוי: „די פרושים זיינען צו איהם צוגעגאנגען און איהם פרובירט, פרעגענדיג: האט א מאן א רעכט צו גט'ן זיין פרוי פיר אירגענד א זאך?" דאס איז געוועזן זעהר א אינטערעסאנטע פראבעפראגע, דען דאריבער איז וואהרשיינליך דאמאלס בעשפראכען געווארען אין די פאלעסטינישע אוניווערזיטעטען, און דער שפרוך „אפילו אם הקדיחה תבשילו".

---

* דארויף זיינען מעיד די עוואנגעליסטען אויף מעהרערע שטעלען פון נייעם טעסטאמענט.

** איך בין איבערצייגט אז די אינטעליגענטע אידען האבען געוואוסט, אז איינער פון זייער מיטע וועט אזא אונפאטריאטישען שריט ניט מאכען, צו געהן פראפיטירען פון דעם פאלקס לייבט־גלויביגקייט אום דאמיט זיכערעס אונגליק צו פערארזאכען. זיי האבען דערפאר, קודם כל, שוין גערעכענט ישוע הנוצרי אלס אונוויסענד, נאך איידער זיי האבען איהם גאר געזעהן.

*** וואס פאר א פעראכטונג עס איז נאכגעטראגען געווארען איין עם־הארץ קען מען ארויסזעהן פון פאלגענדען מאמר התלמוד: „אמר רבי אליעזר, עם הארץ מותר לנוחרו ביום הכיפורים שחל ביום השבת. אמרו לו תלמידיו: רבי, אמר לשוחטו. אמר להן, זה טעון ברכה וזה אינו טעון ברכה" (פסחים דף מ"ט ע"ב,) דיזע פעראכטונג געגען עם־הארץ. האט אויך אנגעפאנגען פון יענער צייט זייט די אידישע אוניווערזיטעטען זיינען ענטשטאנדען אין פאלעסטינע און בבל.

איז אַן צווייפעל, דאַמאָלס פערהאַנדעלט געוואָרען. די פרושים האָבען ערוואַרטעט, ווען ער וואָלט געווען אַ געבילדעטער איד, אַ גאַנצען פלפול, וויא דער שטעגער איז געווען אין אידישען למוד. ישוע׳ס ענטפער איז אָבער געווען בלויז פּראַקטיש און זאָגאַר זעהר בעשרענקט אויף ביבלישעם וויסען אַליין. דאָס האָט די פרעגער פערזענליך איבערצייגט אַז זיי האָבען צו טהאָן מיט איין אמת׳ן עם־הארץ. אַ כאַראַקטעריסטישע געשיכטע שילדערט מאַטהעאוס נאָך אין דעמזעלבען קאַפּיטעל. עס ווערט פריער דערציילט דאָס אַ מאַן, וועלכער האָט גערעדט מיט ישוע׳ן, האָט איהם מיטגעטהיילט אַז ער האָט שוין מקיים געווען אַלע גוטע זאַכען, און ער האָט געוואָלט וויסען וואָס ער קאָן ווייטער טאָהן. ישוע האָט איהם געענטפערט: „ווען דו ווילסט זיין פאָלקאָמען, דאַן געה און פארקויף אַלעס וואָס דו באַזיצסט און פערטהייל עס צו ארמע, און דו וועסט דאַפיר קריגען איין אוצר אין הימעל“. דער מאַן איז ניט צופריעדען געווען מיט דיעזער עצה, ווייל ער האָט געהאַט פיעלע רייכטהימער וואָס ער האָט ניט געוואָלט אַוועקגעבען. דאַן האָט ישוע אַביסעל צוגעשימפּפט איבער די רייכע. פעטרוס האָט זיך דאָס אַלעס איינגעהערט און פלוצלינג געזאָגט: „מיר האָבען אַלעס פערלאָזען און דיר נאָכגעגאַנגען. וואָס קענען מיר אַלזאָ האָבען דערפון?“ ישוע צולאָזט זיך דאָ אפילו מיט משלים און מיט מוסר,וואָס קלעפען זיך גראַדע ניט זעהר אַלס ענטפער, אָבער די הויפּט אינטערעסע ליגט אין פעטרוס׳עס פראַגע. דער איינפאַכער פישער, וועלכער האָט אַלעס פערלאָזען און איז געוואָרען ישוע׳ס חסיד, האָט געוואָלט וויסען וואָס ער וועט האָבען דערפון. הימעל־זאַכען, וויא עס שיינט, האָט זיך איהם אפילו גאָר ניט גע׳חלום׳ט. ווען ער האָט גערעכענט ישוע׳ן פאַר אַ משיח, דאַן האָט ער פון איהם ערוואַרטעט דאָס זעלבע וואָס יעדער איד האָט געקענט ערוואַרטען: בעפרייאונג פון רוימישער שקלאַפעריי. ער איז וואַהרשיינליך, אין זיין גראַד, אויך פערפאָלגט געוואָרען פון די רוימישע טשינאָווניקעס, וועלכע האָבען ביי איהם פערלאַנגט צו פיעל געלד פיר די ערלויבעניש צום פישען, ער האָט בעדאַרפט צאָהלען צו אַ גרויסען שטייער אין אַלגעמיין. אונטער די ווערטער: „וואָס קענען מיר אַלזאָ האָבען דערפון?“ האָט ער געוויס געמיינט: ווען וועלען די רוימער פערטריבען ווערען פון דאַנען און ווען וועל איך און דיינע אַנדערע געטרייע נאָכפאָלגער, פון זיי ניט אויסגעבייטעט ווערען? אַ בעלוינונג אין הימעל איז ניט געווען פיר איהם גאַנץ צופריעדען שטעלענד.

ווען מיר ערבליקען ישוע׳ן אריינפאַהרענדיג נאָך ירושלים אויף דעם עזעל, האָבען זיינע אַנהענגער געזאָגט: „זאָג צו ציון, דיין קעניג קומט“. (מאַטטהעאוס, 5 21) „דיין קעניג“, דער רעטער און בעפרייער: דער אַנפיהרער פון איין ארמעע, וואָס וועט ארויסטרייבען די רוימער און געבען די אידען פאָלשטענדיגע זעלבסטשטענדיגקייט. אַ קעניג! אַ פיהרער פון קריעגער, וואָס וועט ערשטירמען

פעסטונגען און פערגיכטען ישראל׳ס שונאים. א משיח וואס זאל רעטען נשמות, האט דעם עולם ניט געקענט אינטערעסירען דאמאלס, ווען זייער לעבען איז פערביטערט געווארען אויף שריט און טריט פון די בלוט־דורסטיגע פיינדע. איבריגענס האבען זיי זיך גאר ניט בענעטהיגט אין אזעלכען.

איך שטעל מיר פאר וויא לעבערליך ישוע האט בעדארפט אויסזעהן אין די אויגען פון די אינטעליגענטע פרושים, ווען ער האט געזאגט: „גליקליך זיינען די אויגען וואס האבען דאס געזעהן און די אויערען וואס האבען דאס געהערט.. איך פערזיכער אייך אז די נביאים און א סך צדיקים וואלטען געוואלט זעהן דאס וואס איהר זעהט, און זיי האבען עס ניט געזעהן...״ דאס איז געווים געווען א פלוי־דעריי פון א שווערמער. וואס זעהן? וואס הערען? וואס האט דא ישוע, דער דארפסמאן, אדער קליין־שטעטעלדיגער עם־הארץ, געקענט צייגען פיר די גע־בילדעטע אריסטאקראטען פון ירושלים? זיין תורה איז פיר זיי געווען אויסגע־וועבט: זיין מאראל האבען זיי שוין לאנג געהערט פון די חכמים, און זי איז געווען פיעל פערנינפטיגער און שעהנער אויסגעשפראכען. זיין גלויבענס־היי־לונג איז ניט געווען קיין דבר־חדש.*) זיי האט מען ניט געקענט אזוי לאכט אי־בעראשען. אין דער ערשטער צייט, וויא עס שיינט, האבען די מנהיגי־ישראל זיך זעהר ווייניג בעקימערט אום ישוע׳ן, ווען זיי האבען געזעהן אז ער פרע־טענדירט ניט אויף קיין ערדישעס־רייך, זאנדערן, אויף א הימעל רייך. זיי האבען איהם גערעכענט אלס איין אונשעדליכען פעררוקטען, און דערמיט ווערט אויך ערקלערט ווארום מען האט איהם ניט זאפארט ארעסטירט. מען האט איהם אפילו ניט ארעסטירט דערפאר ווען ער איז אריין אין חצר פון היכל און דארט פעראורזאכט א סקאנדאל, ארויסטרייבענדיג די געלד־וועקסלער און טויבען־פערקויפער. וואס פאר איין אינטערעסע איבערהויפט, האבען די מנהיגי־ישראל געקענט האבען אין א נארישען שווערמער? עס איז מעגליך אז ער האט געכאפט עטליכע קלעפ אין חצר פון היכל, פון דיעזע וואס ער האט אנגעריפען. אבער דאס איז ניט געווען פון קיין גרויסער בעדייטונג פיר דער אלגעמיינער נאציאן. אלס

---

* ווער עס לעזט די יעצטיגע טעגליכע פרעסע, האט שוין געווים צאהלרייכע מאל באגע־געגנט שילדערונגען פון גלויבענס־היילער. פון אזעלכע זאכען געפינען מיר פיעלע געשיכטען אין די אלטע אינדישע שריפטען, מיט צוויי טויזענד יאהר פאר קריסטוס׳ן. ווי געוועהנליך איבערטרייבט מען אימער מעהר ווי די וואהרהייט איז, ביי אזעלכע זאכען. אונזערע היינטיגע היפנאטיסטען, צייגען געווים מעהר וואונדער אלס קריסטוס האט געוויזען אין זיין צייט, פון וועלכען דער המון ווערט אימער בעגייסטערט. היפנאטיסטען האבען אויך דאמאלס עקזיסטירט, נאר אויף איין אנדער ארט.

אבער ער האט בעקומען א גרויסע נאכפאלגערשאפט,*) האבען די כהנים און די פארשטעהער פון די פרושים זיך דערשראקען. זיי האבען ניט געוואלט ווארטען ביז די רוימער וועלען זיך ארומקוקען אויף דער באוועגונג און דיזע ערקלערען אלס רעוואלוציאנער. זא וואס וואלט געבראכט אונגליק אויף דער גאנצער נאציאן, און זיי האבען זיך בעמיהט דעם אנפיהרער צו ערגרייפען, ניט דורך דער רוימישער פאליציי, זאנדערן מיט זייערע אייגענע הענד, און איהם איבערגעבען צו די רוימער, צייגענדיג אז זיי זיינען אין אופרוהר ניט געוועהן בעטהייליגט, דאמיט ניט געבען זייערע אונטערדרוקער א פתחון־פה צו בלוט־פערגיסונג.

פינפטעס קאפיטעל

ישוע הנוצרי'ס אבשטאמונג און יוגענד לויט אידישע קוועלען**)

דער זינן פון דיזען בוך, פאדערט ניט פון מיר איך זאל פינקטליך פארשטעלען צו וועלכער צייט די דריי בעריהמטע אידישע סעקטען האבען זיך אויסגעבילדעט, אדער, בעסער געזאגט, צו וועלכער צייט זיי זיינען געגרינדעט געווארען. עס איז גאנץ גענוג ווען איך וועל דערצעהלען דעם לעזער, דאס צור צייט פון ישוע'ס ערשיינען, האבען עקזיסטירט אין פאלעסטינא פרושים, וועלכע האבען געגלויבט אין תחיית המתים, שכר ועונש דורך א גיהנם מיט א גן־ עדן און דערצו האבען זיי ניט גערעכענט אז מען מוז זיך האלטען גאנץ פינקטליך אן יעדען בוכשטאב פון דער תורה, זאנדען מען מעג צו מאכען און איבערמאכען געזעטצע לויט דעם

---

* ווען מיר לעזען יעצט זאגאר דאס „נייער טעסטאמענט" מיט ישוע'ס דרשות, איז עס אונמעגליך צו קומען צו א ריכטיגען באשלוס וואס ער האט גענוי געוואלט אין דער ערשטער צייט. דאס פאלק וואס האט איהם נאכגעפאלגט, האט איהם געוויס ניט פארשטאנען און איז איהם נאכגעגאנגען, וואהרשיינליך מיט דער מיינונג אז ער וועט זיי באפרייען פון שקלאפעריי. ער וועט זיין זייער בעפרייער פון די רוימער. פאר קיין אנדערז האבען זיי איהם גאר ניט געקענט האלטען.

** אין פיעלע שטעלען פון דיזער ארבייט, איז מיר דאס ספר „חלקת מחוקק" פון ר' גרשם באדער הכהן, זעהר באהילפיג געווען, און איך שפיר מיך זעהר פערפליכטעט צו דיזען עהרליכען און ערנסטען אידישען פארשער פון אונזער צייט.

צייט־גייסט: צדוקים, וועלכע האָבען געבילדעט אַקוראַט דעם געגענזאַטץ פון די פרושים. זיי האָבען ניט געגלויבט אין תחיית המתים, ניט אין שכר ועונש און אויך בעהויפּטעט אַז מען דאַרף זיך שטרענג האַלטען אַן די געזעטצע פון דער תורה, און ניט עובר זיין אויף „לא תוסיפו ולא תגרעו": איסיים אַ סעקטע מענשען, וואָס האָבען ממאס געווען אין כל תענוגי הבשר", און געגלויבט אין איין עכטער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט, אָן פּרויען, און אין דיענען גאָט מיט אַ זעלטענער אויפּריכטיגקייט. דיעזע סעקטע האָט ניט געגעסען קיין פלייש, ניט געטרונקען קיין וויין, געפאַסט און זיך געפּייניגט פון גאָט'ס וועגען. דיעזע סעקטע איז אויך געוועהן גאַנץ קליין און כמעט אונבעדייטענד, ווייל דער קליינער אנצאָהל מיט־גליעדער האָט זיך ניט געמישט אין די פּאָליטישע אַנגעלעגענהייטען פון לאַנד. מען האָט דערפאַר אויך ניט בעדאַרפט ערוואַרטען, אַז איינער פון זיי, זיך אָבגע־בענדיג מיט תעניתים, זאָל וויסען וואָס עס טהוט זיך אין דער פּאָליטישער וועלט. מיר ערבליקען פאַר אונז אַ פּערזאָן מיט דעם נאָמען יוחנן המטבל, וועלכער איז ערשינען מיט אַ פאַנאַטישען אייפער, פּרעדיגענדיג אַז די צייט איז געקומען די מענשען זאָלען זיך אומקעהרען פון זייערע שלעכטע דרכים, מתפלל זיין, זיך טובל'ן און בעטען גאָט ער זאָל מוחל זיין זייערע זינד. פון דעם ערשטען בליק דערקענען מיר אַן דיעזען יוחנן, אַ מיטגליעד פון דער סעקטע איסיים, וועלכער איז ערשינען מיט דעם וואונש צו בעקעהרען אַלע אידען צו זיין פּאַרטיי. אָנ־פאַנגס, זעהט עס אויס, איז ער געווען גאַנץ אונשעדליך, אָבער צום ענדע, אַלס די מנהיגי־ישראל האָבען מורא געהאַט אַז אין איהם האָט מען אַ רעוואָלוציאָנער, וויא איך האָב שוין פריהער דערמאָנט, האָט מען איהם הינגעריכטעט.

מיר לאָזען אָב דיעזען געגענשטאַנד, און מיר ווענדען זיך ווידער צו דעם בוך „תולדות ישו הנוצרי". ר' גרשם באַדער הכהן דערצעהלט, דאָס ער האָט גע־זעהן דערפון דריי פערשידענע אויסגאַבען. איינע געדרוקט אין ירושלים אין יאָהר ש"ע, אַ צווייטע אין ליידען, האָלאַנד, אין יאָהר תס"ה, און אַ דריטע אין איין אַלטען מאַנוסקריפּט. אַלע צוזאַמען ענטהאַלטען אַזעלכע דומהייטען, וואָס זיינען אַ שאַנדע פאַר אַ מענשען מיט שכל זיי פאַרצולעזען פאַר אַ צווייטער פּערזאָן. אַלענפאַלס אָבער, וועלען מיר זיך טיילווייז האַלטען מיט אונזער פאָלגענדער בע־שרייבונג, אָן דיעזען בוך, ווייל דאָס איז די איינציגע קוועלע איהרער אַרט.

צור צייט וואָס יוחנן המטבל*) האָט געפּריידיגט אין פּאַלעסטינא אַז דער

---

* אין „תולדות ישו" געדרוקט אין אַמסטערדאַם, ווערט דערציילט אַז ישוע'ס מוטער, מרים איז געווען פערלאָבט מיט אַ געוויסען יוחנן הבבלי (?) די גמרא האָט אין קיין פלאַץ דערמאָנט אַזא נאָמען, און עס שיינט אַז דאָ איז עפּעס אַ פערדרעהעניש אָדער פערבייטונג מיט יוחנן המטבל.

עולם זאָל תשובה טאָן, איז שוין ישוע געווען אַ פּאָלשטענדיגער מאַן, דען לויט נאָך דעם נייעם טעסטאַמענט, האָבען דיעזע ביידע לייטע זיך געקענט, און פערקעהרט איינער מיט אַנאַנדער. מיר ערבליקען אַלזאָ ישוע'ן אין פּאָלשטענדיגער טהעטיגקייט צו דיעזער צייט. עס איז אָבער אינטערעסאַנט צו מאַכען איין אונטערזוכונג און זעהן וואו ער איז געבוירען געוואָרען, ווען, און אונטער וועלכע אומשטענדען. איבערהויפּט וואו ער האָט צוגעבראַכט זיין יוגענד און מיט וועמען ער האָט געקענט פערקעהרען.

אין דעם שטעדטעל נצרת פון גליל, האָט געלעבט אַ מאַן, אַ סטאָליאַר, מיט דעם נאָמען יוסף פּנדירא און זיין פרוי האָט געהייסען מרים. דאַמאָלס האָט קייזער אוגוסטוס אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל, דאָס מען זאָל צעהלען אַלע איינוואהנער פון אַלע מדינות אונטער רוימישער הערשאַפט.*) די איינוואהנער פון יהודה און פון גליל, זיינען געגאַנגען נאָך ירושלים זיי זאָלען זיך דאָרט לאָזען צעהלען. יוסף פון נצרת און זיין שוואַנגערע פרוי**) זיינען מיטגעגאַנגען. אַלס זיי

---

* לויט נאָך דיזע אנגאבען שיינט עס, דאָס ישוע איז געבוירען געווארען אין דער צייט פון קייזער אוגוסטוס, אין דער רעגירונגס פעריאָדע פון הורדוס דעם גרויסען. דאָס זעלבע זאָגען דאָס נייע טעסטאמענט, געשיכטע שרייבער און גלויביגע קריסטען וואס האבען געשריבען ישוע'ס ביאָגראפיע. עס שיינט אבער, דאס כל־זמן הורדוס דער גרויסער האט געלעבט, איז רוים נים געווען אזא גרויסער בעל־הבית איבער פאלעסטינע, און איין אויפפאָדערונג צו צעהלען די אידען אלס רוימישע בירגער, וואלט געווים צוריקגעוויזען געווארען פון הורדוס'ן אלס א גרויסע בעליידיגונג. ישוע האט אלזא געמוזט געבוירען ווערען נאך זיין טויט. אין „תולדות ישו" אמסטערדאמער דרוק, ווערט דערצעהלט אז ישוע איז געבוירען געווארען אין דער צייט פון ינאי המלך און ר' יהושע בן פרחיה. (זעה אויך סוטה מ"ז א', סנהדרין ק"ז ב'. ירושלמי סנהדרין, פ"ג.) וואו עס ווערט דערציילט: „ר' יהושע בן פרחיה דחף לו לישו הנוצרי בשתי ידיו". אין „תולדות ישו"ליידען אויסגאבע, הייסט עס ווידער אז ישו איז געבוירען געווארען אין הורדוס'עס צייטען. דער יוחסין שרייבט, דאס ער איז געבוירען געווארען אם ערשטען יאהר פון ינאי המלך'ס רעגירונג, וועלכער איז געווען ר' שמעון בן שטח'ס א שוואגער. (זעה אין סדר הקבלה להראב"ד און אין צמח דוד.) דער בעל סדר הדורות און דער נצחון, ווילען מאכען א פשרה, און זאגען אז עס איז געווען צוויי ישוע'ס. (זעה Das Evangelium Mat. von Dr. Lipa) אויך קריסטליכע שרייבער האבען זיך ארום דעם געפּלאגט פעסטצושטעלען די ריכטיגע צייט פון זיין געבורט, און קיין איינציגען איז דאס געלונגען צו א פאלשטענדיגער צופרידענהייט. אלענפאלס איז דא איין אונטערשייד פון אונגעפעהר א הונדערט יאהר. ווי אזוי דיזע היסטארישע דאטען זיינען מעגליך אויסצוגלייכען, קען איך נים בעגרייפען.

** די בעהויפּטונגען אז ישוע איז געבוירען געווארען פון א הייראטה אן חופה וקדושין, האבען זאגאר אונטער אידען, דאמאלס, קיין גרויסען איינדרוק געקענט מאכען. די משנה זאגט

זיינען אנגעקומען נאך בית לחם יהודה, האט מרים דערשפירט געבורט־וועהען. זי איז געווען א פרוי פון ארימען שטאנד, און זי האט זיך ניט געקענט פערגינען צו נעהמען זוכען א פאסענדע לאזשיע. נאכדעם ווי איהר מאן האט אויפגעזוכט א שטאל פיר א נאכטלעגער, האט ער זיין הויך־שוואנגערע פרוי אהין אריינגע־פיהרט, און דארט האט זי געבוירען א קינד. *) זי האט דאס קינד, וואס איז גע־ווען א אינגעל און דאס ערשטע נאך דער חתונה, איינגעוויקעלט אין טיכער און איהם אוועק געלעגט אין דער קארעטע פון וואנען די קעמלען עסען. יוסף האט דאן געלאזען מל זיין דאס קינד כדת משה וישראל און איהם א נאמען געגעבען ישוע. ווען ער האט צוריק געקעהרט נאך נצרת איז זיין פראפעסיאן, די סטאלעריי, וואהרשיינליך ניט זעהר גוט געגאנגען, זא האט ער גענומען זיין וויב און דאס קינד און איז מיט זיי אוועקגעפאהרען נאך אלעקסאנדריען, אין עגיפטען, וועלכע איז דאמאלס געווען א גרויסער מיטעלפונקט פון אידישער טהעטיגקייט. ער איז דארט פערבליעבען א היבשע צייט מיט זיין פאמיליע**)

בפירוש: „האשה נקנית בשלשה דרכים: בכסף, בשטר ובביאה.״ ישוע איז אלזא, על פי דין, געווען איין עהרליכעס קינד, ווען אפילו אן חופה וקדושין. עס איז מעגליך אז חופה וקדושין איז שוין געווען איינגעפיהרט אונטער דער אריסטאקראטישע אידישע קלאסע פון ירושלים. יוסף דער סטאלאר פון נצרת, האט אבער קיין אהנונג געהאט אז ער טהוט אונרעכט. נאך א באַהויפטונג, דאס די מעשה האט פאסירט אין הילנא המלכה׳ס צייטען און מרים איז געווען איהרע א קרובה, איז געווים ניט וואהר. א הילנא המלכה איז ניעמאלס געווען הערשערין אין ירושלים, און איבערהויפט איז זי גאר ניט געווען צו יענער צייט. עס איז נאר א נארישע פלוידעריי פון דעם אונוויסענדען שרייבער.

* עס איז ווערט דא צו באמערקען, דאס דער 25־טער דעצעמבער, איז, אין די אלטע צייטען געווען א גרויסער פייערטאג פיר די היידען, וואס האבען געדינט צו דער זון. דיזער אלטער היידנישער יום־טוב, איז פארוואנדעלט געווארען אין דעם געבורטס־טאג פון ישוע הנוצרי, וועהרענד עס גיבט אבסאלוט קיין בעווייזע אין וועלכען טאג ער איז ווירקליך געבוירען געווארען. נאך מעהר, די קריסטען באהויפטען אז עס איז געווען אין א זונטאג. דער רד״ק האט אויסגע־רעכענט און אויסגעפונען, אז דער 25־טער דעצעמבער דאמאלס, איז גאר געווען אין א שבת.

** די ווידערשפריכע פון דער גמרא מיט דעם „תולדות ישו״, זייגען ניט צום אויסגלייכען אין „תולדות ישו״ הייסט עס (אויך אין נייעם טעסטאמענט,) דאס ישוע איז געווען נאך אלס

אין א טאג איז ערשינען ישוע אין ירושלים און איז געגאנגען בעזוכען דעם בית המקדש, וואו ער געטראפען א שטיין מיט דעם נאמען שתיה. אויף דיעזען שטיין, הייסט עס, איז געווען אויסגעקריצט דער שם המפורש *) און ווער עס האט איהם געקענט אויסלערנען און געוואוסט זיין געהיימנים, און דערצו גע־וואוסט ווי איהם אויפצושרייבען אויף א כשר'ן שטיק פארמעט, איז ער אימ־שטאנדע געווען צו טאן די גרעסטע וואונדער אין דער וועלט, אדער, בעסער גע־זאגט, אלעס, וואס זיין הארץ גלוסט, גוטעס אדער בעזעס, אלץ מיט גאט'ס נא־מען. ווי לעבערליך דיעזע גאנצע בעהויפטונג איז אבער, קען מען ארוים זעהען בלויז ווען מען לעזט דעם רמב"ם'ס מורה נבוכים (ח"א) וואו דיעזער נשר ישראל שפאטעט פון דיעזע דומהייטען און לאכט פון די דומע פאנאטיקער, ווען זיי וואַ־גען אזעלכע שענדליכקייטען צו בעהויפטען.

זעקסטעס קאפיטעל

וואהרשיינליכע ערציהונג און אומגאנג פון ישוע הנוצרי

איך האב אין פאריגען קאפיטעל בעריהרט דאס ערשיינען פון יוחנן המטבל, און בעוויזען, לויט זיין אויפטריט, אז ער איז געווען איין איסי. אי אין „תולדות ישו", אי אין נייעם טעסטאמענט, ווערט דערציילט אז יוחנן המטבל איז גע־גאנגען אנגעצויגען „אין א מלבוש פון קעמעל־האר, מיט א לעדערנעם גארטעל

קינד אין ירושלים, וואו ער האט געלערענט ביי די גדולי ישראל, און ר' יהושע בן פרחיה איז געווען זיין רבי. אין דער גמרא סוטה,דף מ"ז, ע' א, געפינען מיר אז ר' יהושע בן פרחיה האט זיך באגעגענט מיט ישוע'ן שוין אלס פאלשטענדיגער מאן' ווען ער האט זיך צוריקגעקערט פון אלעקסאנדריען נאך ירושלים, וואו זיי האבען געהאט א געשפרעך, פון וועלכען עס ווערט ניט באוויזען אז ר' יהושע בן פרחיה האט איהם פון פריהער געקענט.

* דער שטיין געפינט זיך נאך עד־היום אין א זשאמיע (אמאר־מאשעע) געבויט אויף דעם פלאץ פון בית המקדש, און עס איז אויף איהם קיין סימן צו זעהן פון א שם המפורש.

אויף זיינע לענדען, און געגעסען היישרעקען און וואלד־האניג.״ דאס איז, אז צווייפעל, געווען דער הילוך פון די איסיים, וועלכע מען פלעגט זעהר אפט זעהען ארום וואנדערען איבער די קליינע שטעדטלעך, דערמאנענדיג דעם עולם אז מען דארף תשובה טאן. ישוע הנוצרי׳ס פאטער האט וואהרשיינליך בעזוכט אלעקסאנדריען, אבער ער האט זיך דארט ניט פיעל פערזאמט, און איז צוריק געקומען מיט זיין פרוי און קינד אדער מיט נאך קינדער (מרים האט געבוירען נאך קינדער צו איהר מאן יוסף, לויט נאך דעם נייעם טעסטאמענט,) און זיך ווידער בעזעצט אין נצרת, וואו ער האט געארבייט די מלאכה. דער אינגעל ישוע, ווי עס שיינט, האט די מלאכה ניט געלערענט, און ער האט אויך קיין געלעגענהייט געהאט צו שטודירען עפעס לויט נאך דעם דאמאליגען צייט־גייסט. אז ער איז געווען פון איין אונרוהיגען טעמפעראמענט, איז ארוים צו זעהען פון זיין שפעטערדיגעם לעבען. ער האט געווים אונטערגענומען עטליכע רייזען נאך ירושלים, ביי די שלש רגלים אדער בייאנדערע געלעגענהייטען און ער האט דיעזע שטאדט געקענט נאך אלס קינד. וואנדערענדיג אונטערוועגס, איז ער אין בעריהרונג געקומען מיט די איסיים, וועלכע פלעגען זוכען מייסטענטהיילס יונגע קאנדידאטען. ער איז אריין אין זייער מיטע און איז געווארען איינער פון זיי.*) דארט האט ער שטודירט איבער דעם נחת רוח פון א צדיק אויף יענער וועלט: איבער דעם קליינעם ווערטה פון עולם־הזה: איבער דער פעראכטונג פון געלד און גיטער, און איבער בערהויפט, איבער דעם מלכות שמים, ווען די צייט וועט קומען אז אלע מענשען וועלען פריי זיין פון זינד און גאט אליין, בגבורתו ובחכמתו, וועט רעגירען די וועלט: ניט קיין בשר ודם וואס איז מסוגל צו ליידענשאפטען. עס שיינט אז ישוע האט אונטער די איסיים פארבראכט א היבשע צייט, דען ערשט צו זיין דרייסיגסטעם יאהר, זעהען מיר איהם ארויסקומען אויף דער וועלט.

איך בעגרינדע דיעזע בעהויפטונג אויף דער טהאטזאכע, דאס אין גאנצען נייעם טעסטאמענט, געפינען מיר קיין איינציגעם מאל דירעק דערמאנט די אי־

* איך גלויב אז נאר אויף דיעזען ארט קען ערקלערט ווערען ווארום, זאגאר זיינע גרעסטע שונאים, קענען ניט אויפצייגען דירעקט, דאס ער האט פארקעהרט מיט פרויענצימער. אלס איסי, האט ער עס ערשטענס ניט געטארט טאן, און צווייטענס האט ער זיך פון זיי מרחיק געווען לויט די איינגעוואוינטע מדות פון גובר זיין יעדע תאוה. עס ערקלערט אויך ווייטער, אז דאס איז געווען די אורזאכע ווארום ער האט אזוי רוהיג ערטראגען די שרעקליכסטע ענוים, מיט א מערקווירדיגער געדולד. יעדער איסי, גראדע ווי די יעצטיגע בודהיסטישע נזירים, איז געווען אומשטאנד צו ליידען יסורים, נאכדעם ער פלעגט זיך אליין, ניט נאר איינמאל, פייניגען פון גאט׳ס וועגען. אונטערדעסען האט ישוע דאך באוויזען א ביסעל שוואכקייט אין אויסרופען צום לעצטען מאל, אויף׳ן קרייץ: „אלהי, אלהי, למה שבקתני?״

סיים אין נאָמען פון ישוע הנוצרי אָדער מיט איהם פערבונדען. ער רעדט זעהר פיעל איבער די פרושים און צדוקים, וועהרענד די איסיים רופט ער ניט אָן מיט קיין נאָמען. ער פּרעדיגט אָבער דערפאַר דורכאויס זייערע לעהרען, און זיין גאַנצעס שטרעבען איז, אבצואווענדען די וועלט פון עולם הזה און זיך מפקיר זיין בלויז פיר עולם הבא. איך וועל דערפאַר נאָך איין השערה אַריינברענגען: אַזוי ווי מיר זעהען פון נייעם טעסטאַמענט, דאָס ישוע און יוחנן האָבען גאַנץ גוט געוואוסט איינער פון אַנאַנדער: נאָך מעהר, דאָס יוחנן׳ס טויט האָט ישוע׳ן זעהר בעטריבט און ער האָט פאַרגעוואָרפען די אידען אַז זיי האָבען אין דעם בעגאַנ־גען אַ פערברעכען, שיינט עס, אַז דיביידע חברה־לייט זיינען געווען צוזאַמען, דאָס הייסט אין איין לאָזשע פון די איסיים, און צוזאַמען, אַלס פּאַנאַטישע שוואַר־מער, זיינען זיי אַרוים אויף דער וועלט צו פּרעדיגען דעם מלכות השמים. זיי האָט נאַטירליך זעהר וועניג בעקימערט וואָס עס טהוט זיך אין געוועהליכען לע־בען, און זיי האָבען אויך ניט געקענט וויסען פון די צושטענדען אין זייער פאָ־טערלאַנד, יוחנן איז אוועק פון איין זייט פּרעדיגען תשובה, תפלה און טבילה, וועהרענד ישוע האָט אין איין אַנדערע זייט געפּרעדיגט אַז נאָך דעם וואָס מען האָט שוין מקיים געווען יוחנן׳ס צוואות זאָל מען זיך מכין זיין מען זאָל מקבל זיין דעם מלכות השמים. צו דיזען צוועק, נאַטירליך, האָט מען בּאַדאַרפט אויפגעבען אַלע ערדישע פערגעניגען און זיך פערטיפען בלויז אין הימעל־זאַכען.

עס איז לייכט מעגליך, אַז אין זיין התלהבות מיט זיינע איסיים אידעען, האָט זיך ישוע פערגעסען און אַרויסגעלאָזען ווערטער פון זיין מויל, וואָס אַ פּראַקטישער מענש, מיט אַ געזונטען פערשטאַנד, וואָלט זיי ניט געזאָגט. אונטער דיזער מעגליכקייט פון בעהויפּטונגען, האָט ער ערשטענס געשימפפט איבער די מנהיגי ישראל, וועלכע ער האָט ניט גוט געקענט און נאָך וועניגער אַ בעגריף געהאַט פון די הלכות וואָס זיינען נתחדש געוואָרען, ווייל אונטער די איסיים האָט מען פון זיי ניט געהערט. עס איז ווייטער מעגליך אַז ער האָט געזאָגט אַז ער איז געבוירען געוואָרען פון רוח הקדש, ווייל ער האָט זיך געשפירט ריין און פרום געננוג נאָך אַלע פאָרשריפטען פון זיין פּאַרטיי, אום ער זאָל קענען הייסען אַ בן־אלהים.

אַט דיזע לעהרען און ווערטער האָט ישוע געוואָלט פערפלאַנצען אונטער די אידען, וועלכע זיינען געווען פיעל גרעסערע מאַטעריאַליסטען, אַלס די איסיים ספּיריטואַליסטען.

די איסיים זיינען געווען אַ געהיימע פּאַרטיי. זייערע סודות האָט מען ניט ענטדעקט אונטער דיזע וואָס האָבען צו זיי ניט בעלאַנגט.עס האָט אויך געהיי־סען אַז זיי האָבען שטאַרק שטודירט די „שמות הקדושים״ מיט וועלכע זיי האָ־

בעז דאַן געטאַן וואונדער.*) די מעשה מיט'ן שם המפורש, האַט געוויס דערמיט א גרויסען שייכות, אַבוואָהל מען דאַרף ניט פיעל דערפון גלויבען. אַלענפאַלס אַבער ווי איך האָב שוין געציינט, האַבען זיינע אידישע אַנהייננער אין אַנפאַנג, אין איהם געזעהן אַ מאַטעריאַליסטישען משיח, און ניט דאָס וואָס ישוע איז ווירקליך געוועזן און געוואָלט.

זיעבענטעם קאַפּיטעל

כאַראַקטער שילדערונגען אין ישוע'ס טהעטיגעם לעבען

מיט פאָלקס־פיהרער אָדער פאָלקס־פּרעדיגער איז כמעט אימער אַ כלל, דאָס ווען איינער געהט אַרויס אויף דער וועלט פּראָפּאַגאַנדירען זיינע אידעען, האָט ער פון אָנפאַנג קיין בעשטימטען פּראָגראַם. זיינע אידעען ווערען דערפאָר מאַנכעס מאָל אויסגעבילדעט געגען זיין אָריגינאַלען פּלאַן, און אויך געשאַפען לויט די אומשטענדען און צוטרעפונגען.

מיר ערבליקען ערשטענס (לויט דאָס נייע טעסטאַמענט), ווי ישוע איז ערשינען אונטער יוחנן המטבל'ס אַנהענגער, וועלכע האָבען זיך אויפגעהאַלטען נעבען ירדן־ברעג. ער האָט זיך, דורך איהם, געלאָזען טובל זיין, און איז פון דאָרט אַוועק אין דער מדבר, וואו ער איז פערבליבען אַ קורצע צייט, אונטער פערשידענע פּראָבען, ווי דער שטענער איז כמעט מיט אַלע פאַנאַטישע פּרעדיגער. ווען ער האָט ערפאַהרען אַז יוחנן איז געפאַנגען געוואָרען, האָט ער צוריק געקעהרט נאָך גליל. ער האָט דאַן פערלאָזען נצרת און זיך בעזעצט אין כפר־נחום, וואו ער האָט אָנגעפאַנגען צו פּרעדיגען. געהענדיג אין אַ טאָג ביים ברעג פון ים־הגליל, האָט ער ערבליקט שמעון פעטרוס און זיין ברודער אנדרי, כאַפּענדיג פיש. ער האָט מיט זיי וואהרשיינליך איינגעטענה'עט און זיי איינגעלאָדען איהם נאָכצופאָלגען. ווייטער האָט ער בעגעגענט די צוויי ברידער יעקב בן זבדי און יוחנן בן זבדי, וועלכע האָבען געהאָלפען זייער פאָטער פיש כאַפּען. ער האָט די יונגע מענשען אַבגערעדט פון זייער פּראָפעסיאָן, און עס שיינט אַז זיי זענען גאַנץ צור־

---

* זעה Mackey's Encyclopaedia of Freemasonry אַרטיקעל Essenes.

פרידען געווען איהם נאָכצופאָלגען און ניט ארבייטען, אָלס צו פערבלייבען מיט זייער פאָטער און פארשוואַרצט ווערען אויף'ן וואסער. זיי זיינען איהם אַלזאָ אויך נאָכגעגאַנגען. מיט דיזע בעגלייטער, האָט ישוע דורכגעקרייצט כמעט די גאַנצע גליל־געגענד. אויף דער זעלבער ארט ווי מיר ערבליקען נאָך יעצט אין גאַליציען אָדער אין רומיניען, אַ חסידישען רבי. ער האָט בעזוכט די שולען, איבעראַל אָב־געהאַלטען דרשות, און דער עולם האָט פאָרלויפיג אין איהם קיין אַנדערע זאַך געזעהן, אויסער אַ בעל־מופת. מען האָט צו איהם געבראַכט מענשען מיט דבוקים, און ער האָט די רוחות־רעות פערטריבען. ער האָט אויך געהיילט פערשידענע קריינקהייטען. זיין ספּעציאַליטעט אָבער, איז געווען דער ערפאָלגרייכער קאַמפף מיט די שדים, וואָס האָבען זיך איינקוואַרטירט אין מענשליכע קערפּער. זיי האָ־בען געציטערט (!) פאַר זיין בליק. איך וואָלט אפילו דאָ געקענט איבער דיזע דומהייטען זעהער פיעל רעדען, אָבער איך גלויב, דאָס יעדער אינטעליגענטער מענש, קען זיך אַ גאַנץ גוטען בעגריף מאַכען פון דיזע מעשים, וואָס רעדען פאַר זיך אַליין.

זיינע פיער גבאים, פעטרוס און זיין ברודער, ווי אויך יעקב און זיין ברודער, זיינען געווים צופרידען געווען מיט זייערע נייע פאָסטענס. די דאָרפסלייטע האָבען געבראַכט דעם בעל־מופת עסען, טרינקען און אַנדערע גוטע זאַכען, און זיי האָבען אין דעם אַ גאַנץ טהעטיגען אַנטהייל גענומען. די נייע באַשעפטיגונג, פיר דיזע חברה־לייט, איז אַלענפאַלס בעסער געווען ווי פיש־כאַפּען. זיי האָ־בען פיר איהם פּראָפּאַגאַנדירט, וואו זיי האָבען נאָר געקענט, גראַדע ווי מיר זעהען נאָך יעצט זיך פירען אונטער חסידים. מיר ערבליקען ישוע'ן בעזוכענדיג גאַנץ אָפט פעטרוס'עס ארמע וואהנונג, וואו ער האָט, אין דערזעלבער צייט, געהיילט זיין שוויגער־מוטער פון קדחת. די אַלטע פרוי, אויס דאַנקבאַרקייט, האָט איהם דאַן בעדיענט. זיין אומגאַנג מיט מענשען, רעקאָמענדירט איהם ניט גראַדע זעהר גוט. מיר זעהען איהם זיך בעגעגענען מיט דער ניעדריגסטע קלאַסע, און ווען ער האָט צוגעצויגען די אויפמערקזאמקייט פון די פרושים, האָט מען איהם דאָפּיר פאַרווירפע געמאַכט. אָבער ישוע'ן איז דערפאַר ניט צום בעשולדיגען. דיזע ארט מענשען זיינען געווען די איינציגע פּיעלייכט, וואָס האָבען מיט איהם געוואָלט פערקעהרען. די בעסערע קלאַסע, האָט פון איהם חוזק געמאַכט. אַז זיי־נע נאָכפאָלגער האָבען ליעב געהאַט אַ גוטען ביסען און האָבען זיך זעהער פליי־סיג בעשעפטיגט מיט הלכות אכילה, זעהט מען ארויס דערפון וואָס זאָגאַר יוחנן המטבל'ס אַנהענגער, האָבען דאָס פאָרגעוואָרפען. דאָס נייע טעסטאַמענט בעד־שעפטיגט זיך ווייטער אין שילדערן נאָך אַ לאַנגע רייהע מופתים, וועלכע זיינען הויפּטזעכליך בעשטאַנען אין גלויבען. דער וואָס האָט געגלויבט, איז געהאָלפען געוואָרען. איבער דעם וואָס האָט ניט געגלויבט, ווערט אונז ניט מיטגעטהיילט.

צו דיעזער צייט ערבליקען מיר איהם שוין אומרינגט מיט דעם פּאָלשטענ־דיגען פּערסאָנאַל גבאים, אָדער תלמידים, אין דער צאָהל פון צוועלף. די איברי־גע אכט, אויסער די פיער וואָס מיר האָבען אוים גערעכענט, האָבען וואהרשיינ־ליך בעלאַנגט צו איין קלאַסע, דען זיינע אָנהיינגער זיינען געווען, ווי די עוואַנ־געליסטען דערצעהלען אונז „מוכסים וחטאים." ער האָט זיי אָנגעפאַנגען צו גע־בען אויפטרעגע וואָס זיי האָבען צו טאָן, און זיי בעקאַנט מאַכען מיט זיינע אב־זיכטען. ווי איך האָב שוין פריהער געזאָגט, האָבען זיך זיינע אידעען אויסגע־בילדעט לויט נאָך דער צייט און אומשטענדען. זאָ צום ביישפּיעל זאָגט ער זיי אויף איין פּלאַטץ: „היטעט אייך פאר די מענשען, ווייל זיי וועלען אייך איבער־געבען צו די סנהדרין און מען וועט אייך שלאָגען מיט ריטער אין די שוהלען." ער האָט גאַנץ גוט געזעהן זיינע געגנער אין דעם גרעסטען אידישען טריבונאַל, און ער האָט געוואָרענט זיינע אָנהיינגער זיך צו היטען פאר זיי. א כאַראַקטעריס־טישע פּלוידעריי, וואָס איז א ווידערשפּרוך צו זיין כלומר'שט לעהרע פון ליעבע, איז פאָלגענדע אינסטרוקציאָן צו די גבאים:

„מיינט ניט אז איך בין געקומען ברענגען פריעדען אויף דער ערד: איך בין ניט געקומען ברענגען פריעדען, זאָנדערן דאָס שווערט. איך בין געקומען צו צו־שיידען א מאַן פון זיין פאָטער, א טאָכטער פון איהר מוטער," א. ז. וו. (מאַט־העאוס 10, 34.) אין דיעזע ווערטער איז דייטליך ארוים צו זעהען, אז ישוע האָט דערקענט, דאָס זיינע אָנהענגער וועלען זיך ניט קענען פערטראָגען מיט אַנדערע, און צאַנקעריי וועט מוזען דערפון ענטשטעהען, וואָס וועט פיהרען צו בלוטיגע אונרוהען. דיעזע נבואה גראָדע, איז פאָלשטענדיג מקוים געוואָרען. די שפּאַני־שע אינקוויזיציאָן, האָט דעם בעסטען בעוויז געליפערט.

אין א שבת איז ישוע אוועק מיט זיינע אָנהענגער אין פעלד. זיי האָבען ניט מיטגעבראַכט קיין עסען און קיינער האָט זיי אויך ניט איינגעלאָדען צום עסען. זיי זיינען הונגעריג געוואָרען און אָנגעפאַנגען צו רייסען יאַגדעס, אום צו זעטען זייער הונגער. די פרומע פרושים האָבען דאָס געזעהען, און איהם געפרעגט ווי ער ערלויבט זיינע אָנהענגער מחלל שבת צו זיין. דאָרויף האָט ישוע דעם ערשטען קלאַפּ געגעבען דער אידישער רעליגיאָן און געענטפערט: „דער מענש איז ניט געמאַכט געוואָרען פיר'ן שבת, זאָנדערן דער שבת פירן מענשען". דאָס איז גראָדע געווען א דירעקטער ווידערשפּרוך צו זיין פריהעריגער בעהויפּטונג, ווען ער האָט געזאָגט: „איך בין ניט געקומען צו צערשטערען די תורה, זאָנדערן אלעס ערפילען. איך פערזיכער אייך אז ביז הימעל און ערד וועלען אונטערגעהען, זאָל ניט פעלען א יוד אָדער אפילו א פּינטעלע פון דער תורה, ביז אלעס וועט מקוים ווערען. דערפאר דער וואָס צערשטערט איינע פון דיעזע קלענסטע מצוות,

וועט אנגערופען ווערען א ניעמאנד אין הימעלרייך". זיין ערלויבעניש אלזא, אז מען מעג מחלל שבת זיין, איז ענטוועדער געווען אונעהרליך, ווייל ער האט זיינע הונגעריגע תלמידים אנדערש ניט געקענט פערטהיידיגען, אדער ווייל ער איז בייז געווארען אויף די פרושים, און גלאט ניט געוואלט מעהר געהען אין זייערע דרכים.

ווי דער רעש פון זיינע מופתים האט זיך פערברייטעט, זיינען ערשינען די סופרים און פרושים און איהם אויפגעפאדערט ער זאל זיי ווייזען וואס ער קאן. די אויפפאדערונג, ווי עס שיינט, איז ניט מיט קיין ערנסטען טאן געמאכט געווארען, אדער ישוע האט גלאט געוואוסט אז געגען זיי איז ער ניט קיין מאכער. דען ער איז שטארק אין כעס געווארען און זיי אנגעפאנגען שענדליך צו באליידיגען.*) די הויפטזאכע איז, ער האט זיי קיין מופתים ניט געוויזען. אז דיעזע קלוגע אידלעך האבען געווים פון איהם חוזק געמאכט, דאריבער איז קיין צווייפעל, און זייט דיעזער צייט האט ישוע זיי נאכגעטראגען א האס, און ביי א גינסטיגער געלעגענהייט, האט ער זיי אימער באליידיגט, און איז אויך ניט געווען קיין גרויסער מבחין מיט וואס פאר א ווערטער ער בעדיענט זיך.

וועהרענד ישוע איז געשטאנען און בעליידיגט די סופרים און פרושים, האט מען איהם מודיע געווען אז זיין מאמע מיט זיינע ברידער שטעהען דרויסען און ווילען מיט איהם רעדען. ביז צו דיעזער צייט, האבען מיר זיין מוטער אין זיין לעבענס געשיכטע, לויט דעם נייעם טעסטאמענט, בלויז איין מאל בעגעגענט, און דאס איז געווען אין דעם געצוואונגענעם פאל פון זיין געבורט. זי פערשווינדעט דאן גענצליך פון דער סצענע,**) ביז צור צייט ווען ער איז שוין געווען א מאן פון א יאהר 31 אדער32, אדער צור צייט פו זיין גאנצער טהעטיגקייט. זי ערשיינט דאמאלס, ווי מען בעגרייפט. פון דער געשיכטע, ווייל ער האט זיך פער־

---

* זעה דעם גאנצען קאפיטעל 12, אין מאטהעאוס.

** מיר געפינען אפילו אין 2־טען קאפיטעל פון יוחנן דעם עוואנגעליסט א שילדערונג דאס ישוע'ס מוטער איז זיך צוזאמענגעקומען מיט איהר זוהן אויף א חתונה און דארטען האט ישוע באוויזען דעם נס פון פארוואנדלען וואסער אין וויין. אבער דעם אמת זאגענדיג, איז יוחנן א פסול'ער עדות. איך גלויב קיין ווארט וואס ער האט אויפגעשריבען, איבערהויפט דאמאלס ווען ער האט זך אריינגעלאזען אין זיין פלוידערזאק־פילאזאפיע, און צוזאמענגעפיהרט הודו מיט כוש. לויט נאך קריסטליכע באהויפטונגען זאגאר, האט דיזער פלאפלער יוחנן, זיך אזוי פיעל מאל ווידערשפראכען, דאס מען דארף גאנץ ווענינ שטעלען אויף זיינע ווערטער, אפילו דאמאלס ווען עס דאכט זיך אז זיינע א באהויפטונג קען אמת זיין.

שאפט א נאמען, און זי מיט די אנדערע קינדער, זיינען איהם געקומען אנקוקען וואס פיר א פנים ער האט אין דער ראלע. ווארום זיינען זיי אבער ניט גלייך צו איהם צוגעגאנגען רעדען? צו וואס האבען זיי נאך בעדארפט האבען פערמיטלער אנצוצייגען זייער געגענווארט? ער האט ניט געוואהנט אין קיין פאלאטץ מיט א בעוואפענטע לייב־גווארדיע מען זאל צו איהם ניט קענען צו קומען? דיעזער אומשטאנד צייגט, אז זיי זיינען ענטוועדער ניט געווען גאנץ פריינדליך איינער צו אנאנדער, אדער זיי האבען זיך שוין לאנג ניט געזעהן. עס לאזט זיך אבער גיהער גלויבען אז זיי זיינען געווען צוקריגט און ישוע האט מיט זיי ניט געוואלט פערקערען. אבער ער האט זיינע פאמיליען־פערהעלטניסע ניט געוואלט ערקלערען עפענטליך, און ער האט זיי בלויז געגעבען דעם אונהעפליכען אבער דיפלאמאטישען ענטפער: „ווער איז דאס מיין מוטער און מיינע ברידער?... יעדער מענש וואס טהוט דעם ווילען פון דעם פאטער אין הימעל, איז מיין ברודער, שוועסטער און מוטער.“ *)

אין זיין ארום וואנדערען, איז ער געקומען אין א טאג אהין וואו מען האט איהם נאך געקענט פון פריהער צוזאמען מיט זיין גאנצער משפחה. אלס מען האט געזעהען די מחנה נאכפאלגער, האט איינער ערשטוינט געפרעגט: „איז דער ניט דעם סטאליאר'ס זוהן? זיין מאמע הייסט דאך מרים, און זיינע ברידער יעקב, יוסף, שמעון און יהודה? און זיינע שוועסטער זיינען דאך אלע אונטער אונז, און פון וואנען קומט צו איהם דאס אלעס?“ עס ווערט ווייטער דערצעהלט דאס דארט איז ענשטאנדען דאדורך א סקאנדאל. דער עולם, דאס הייסט, זיינע אלטע בעקאנטע, האבען פון איהם אוודאי געלאכט און חוזק געמאכט, און ער האט אויסגעשריען ערביטערט: „א נביא קען ניט ערווארטען קיין עהרע אין זיין געבורטס־פלאטץ און אין זיין הויז!“ (מאטהעאוס 13, 58.) שליעסט די שילדערונג מיט דיעזע ווערטער: „און ער האט דארט ניט געווירקט קיין פיעלע מופתים, וויל מען האט ווענינ געגלויבט.“

ישוע, דעם סטאליאר'ס זוהן, דער אונגעבילדעטער שווערמער, האט אלזא גאר געקענט בעגייסטערן די פראסטע מענשען פון אזעלכע ערטער, וואו מען האט איהם ניט געקענט. דיעזע וואס האבען געוואוסט ווער ער איז, האבען איהם זעהר

---

* אין „תולדות ישו“ ווערט דערצעהלט אז ישוע האט א מאל געהאט א העפטיגען אויפטריט מיט זיין מוטער. מען מערקט אויך דא א צארן אין זיינע ווערטער, ווען ער רעכענט פריער ברודער, שוועסטער און ערשט דאן מוטער. די מוטער אלזא, איז ביי איהם ניט געווען קיין גרויסע חשובה.

ווענינ רעספעקטירט, און ער האָט זיי אויך גאָר ניט געקענט זאָגען אָדער צייגען, וואָס זאָל זיי אינטערעסירען.

דיעזער קאפיטעל, דאַרף מען ניט פערגעסען, איז כמעט געגנבליך גענומען פון דעם נייעם טעסטאמענט, און איך גלויב אויך אַז ער ענטהאלט וואהרהייטען; אָבער,אין דער זעלבער צייט, ווערט פאר אונז געליפערט אַ רייהע פאקטען איבער ישוע׳ס כאַראַקטער, וואָס שטעלען איהם ניט פאָר אַלס זעהר אַ לויבענס־ווערטהע פערזאָן.

אכטעם קאפיטעל

ישוע׳ס לעהרען ווערען דייטליכער און זיינע אבזיכטען פערשטענדליכער

האָט ישוע בעאבזיכטיגט פון אָנפאנג אָן אויפצוטרעטען געגען די נייע־איינגעפיהרטע פרושים געזעצע? אויף דיזער פראגע מוז איך בעשטימט ענטפערען: ניין! זיין ערשטער אויפטריט איז מילד און געלאסען; ער האָט געוואָלט מיט יענע האַלטען און מקיים זיין נאָך מעהר ווי די תורה האָט אָנגעשריבען, גלייך מיט די פרושים.אָבער ווי איך האָב שוין פריהער געזאָגט,האָבען איהם די אומשטענדען אויף גאַנץ אַנדערע וועגען געפיהרט. אַלס ער האָט געזעהן אַז די פרושים לאַכען פון איהם, האָט ער בעשלאָסען זיי צו טראָטצען. ער האָט ערלויבט זיינע אָנהענגער צו עסען ברויט אָן נטילת ידים. אַלס מען האָט איהם פאָרגעוואָרפען ווארום ער ערלויבט עס, נאָכדעם עס איז געווען „קבלת הזקנים", האָט ער געענטפערט אַז ער שטימט איבערהויפט ניט איין מיט דיעזע קבלות, און ער גלויבט אַז „דאָס וואָס עס געהט אריין אין מענשען פעראונרייניגט ניט, וועהרענד דאָס וואָס קומט אַרויס (די ווערטער און מחשבות,) פעראונרייניגט יאָ".
(מאטהעאוס 15, 11; מארקוס, 7.) דערמיט האָט ער שוין גאַנץ דייטליך געצייגט זיין רעבעלישען גייסט געגען דער עקזיסטירענדע אידישע אָרדנונג. ער האָט אויך געזאָגט אַז קרבנות, דער דאמאָליגער איינגעפיהרטער מנהג און דין, זיינען ניט נויטווענדיג. און ער האָט בלויז געהייסען מתפלל זיין לויט זיין אייגענעם נוסח. (מאטהעאוס 6, 5.) ער האָט שטאַרק מקרב געווען די זינדער און זינדערינס (אונטער די לעצטע אויסגעלאַסענע פרויען,) וועלכע האָבען זיך איינגעשלאָסען צו זיינע נאָכפאָלגער, און ערקלערט אַז זיי אַליין דאַרף מען העלפען. (מארקוס, 2, 18; לוקאס 15.)

אונערקלערליך איז זיין שנאה צו גרושות. ער ווארענט זעהר שטרענג מען זאל מיט זיי ניט הייראטהען, און דער וואס טהוט עס יא, איז גלייך ווי ער פערקעהרט מיט איין אונמאראלישע פרוי. (לוקאס׳ 18,16.) אין דער זעלבער צייט צייגט ער א בעזונדערע פריינדשאפט צו אידען, אין דעם וואס ער ערקלערט, אז די גאנצע ישועה שטאמט פון זיי. (יאהאנוס, 4, 22.)

איך האב ביז יעצט בעוויזען, אז ישוע הנוצרי האט ניט זעהער ליעב געהאט זיינע שונאים און איז געווען א שטארקער פערטהיידיגער פון דיעזע וואס זיינען געווארען זיינע אנהענגער, ניט אכטענדיג דארויף וואס זייער מאראל איז ניט געווען זעהר גלענצענד, אדער אפילו זעהר שלעכט. ער האט אבער אבסאלוט קיין אהנונג געהאט, דאס זיינע שפעטערע אנהענגער, וועלען גאר זיין פרעמדע היידען. ווען ער וואלט דאס געוואוסט,ווי פאולוס האט עס שפעטער ארוים געזעהען, וואלט ער זיי געווים געשמייכעלט גלייך מיט זיין גרויסען נאכפאלגער. מיר בעגעגענען דערפאר ווי ער זאגט צו זיינע אידישע חסידים: „ווען איהר וועט מתפלל זיין, זאלט איהר ניט מורמלען ווי די גוים.“ (מאטהעאוס, 6, 7.) א היידין,וועלכע האט פערלאנגט זיין הילף,האט ער געענטפערט: „מען דארף ניט אוועקנעמען דאס ברויט פון די קינדער און דאס אוועקווארפען פיר די יונגע הינטלעך.“איך וועל ערקלערען וואס ער האט דא געמיינט: נאך זיין אנזיכט, איז ער געקומען העלפען דער מענשהייט, היילען זייערע קראנקע קערפערס ווי אויך זייערע קראנקע נשמות אונטער דיזער מענשהייט, האט ער נאך פערשטאנען בלויז די אידען. היינט ווען די היידין האט פון איהם פערלאנגט הילף, האט ער זי פערגליכען צו קליינע הינטלאך, און בעהויפטעט אז דאס ברויט דארף מען בעסער געבען פיר די קינדער, פיר די מענשען, דאס הייסט פיר די אידען, וועלכע האבען אליין דאס אויסשליעסליכע רעכט דערצו.

זייענדיג אין כפר נחום, זעהען מיר פון איהם א סצענע וואס בעווייזט אז ער האט געשפירט דאס מען וועט איהם רעכענען פיר א רעוואלוציאנער און ער האט מורא געהאט דערפאר. מיר וועלען דא איבערגעבען די ווערטער פון מאטהעאוס (17:) „די בעאמטע איבער דעם מחצית־השקל זיינען צוגעגאנגען צו פעטרוס׳ן און איהם געזאגט: אייער לעהרער מעג דאך בעצאהלען דעם מחצית השקל (שטייער). פעטרוס האט געענטפערט: יא. ארייננקומענדיג אין הויז, האט איהם ישוע עמפפאנגען און געפרעגט: וואס דענקסטו שמעון, פון וועמען זאלען נעהמען די קעניגע פון דער ערד אבצאהלונג און מס, פון זייערע קינדער אדער פון די פרעמדע? האט ער איהם געענטפערט: פון די פרעמדע. האט ישוע געזאגט: דאן זיינען פריי די קינדער.אבער אום זיי ניט צו גיבען קיין פתחון־פה, געה צום ים און ווארף אריין דיין נעץ.“ א.ז.וו. ער האט איהם געהייסען זיך נעהמען

צו זיין אַלטער באַשעפטיגונג דאַמיט מען זאָל האָבען צו בעצאָהלען די שטייערען, וואָס ער האָט גערעכענט, אַז אידען דאַרפען ניט צאָהלען. מיר ערבליקען ווייטער אין זיין געזעלשאַפט איין אויסגעלאַסענע פרוי, וואָס איז געווען זעהר פעראַכטעט אונטער אידען, וועלכע האָט איהם געקושט און געוויינט. ער האָט איהר דער־פאַר מוחל געווען די זינד. (לוקאַס 7.) עס ווערט ווייטער דערצעהלט, לוקאַס8.) אַז מרים המגדלית (מאַריא מאַגדעלענאַ.) איין וועלכער עס זיינען געלעגען זיעבען שלעכטע רוחות, און ער האָט זיי אַרויסגעטריבען,איז געוואָרען זיין גרויסע אַנ־הענגערין. אייניגע אַנדערע, אָבער שוין רייכערע פרויען, האָבען איהם געשפייזט און אונטערגעשטיצט (לוקאַס, 8.) מיט איינעם וואָרט, ער האָט געטאָן דאָס, וואָס איז געווען געגען די הערשענדע קלאַסען. ער האָט געשימפּפט איבער די פּרושים און צדקים צוגלייך, און פערדאַמט זייערע אויפפיהרונגען.

די גלייכגילטיגקייט פון די פּרושים, האָט שוין אָבער איבערגעשטיגען אַלע גרענעצען, און זייער געדולד איז געקומען צו איין ענדע. דער אונשעדליכער שווערמער, פיר וועלכען מען האָט איהם פון אָנפאַנג גערעכענט, האָט צוליעב זיין הימעלרייך, זיך אויך אָנגעפאַנגען אריין צו מישען אין די געזעצען פון לאַנד, און דער פעבעל אַרום איהם, האָט אָנגעפאַנגען גרעסער צו ווערען און די אויסזיכטען פון אַזאַ באַוועגונג, זיינען ניט געווען זעהר צופריעדענשטעלענד, פיר דער אַלגעמיינע רוהע פון לאַנד.

נײַנטעס קאַפּיטעל

די ערוואַכונג פון דער הערשענדע אידישע קלאַסע

געגויע דריי יאָהר, על־פּי חשבון, האָט ישוע אַרומגעוואַנדערט אין דער גליל געגענד און געפּרעדיגט, און דעננאָך האָט מען איהם ניט געטשעפּעט. ער איז יעדעס מאָל דרייסטער געוואָרען. אַלץ מעהר געשימפּפט און אָנגעריפען די הערשענדע אידישע קלאַסען פון לאַנד דערפאַר וואָס זיי האָבען איהם איגנאָרירט. אונטער זיינע אָנהענגער, געפינען מיר אפילו אַ ציעמליך גרויסען אַנצאָהל מענ־שען, אָבער קיין איינציגער איז געווען וואָס האָט געהערט צו דער העכערער קלאַסע. זיינע חסידים האָבען אויך יעדעס מאָל מעהר געשווערמט אַרום איהם און בעגייסטערט געוואָרען פון זיינע תורות און פון זיינע מופתים, וועלכע מען האָט

געוויס פיעל מעהר איבערטריבען, ווי דער אמת איז געווען. אין „תולדות ישו“ ווערט דערצעהלט, דאָס מען האָט פיר איהם ניעדערגעקניעט*) און געשריען: „אמת, דו ביסט גאָטס זוהן!“ אונטערדעסען האָט מען אויך עובר געווען ניט נאָר אויף מצוות דרבנן, זאָנדערן אויך אויף מצוות מן התורה. אלס מען האָט איהם געפרעגט: „מיט וועמעס ערלויבעניש טהוסטו דאָס?“ האָט ער געענטפערט: „מיט דער ערלויבעניש פון מיין פאָטער אין הימעל וואָס האָט מיך געשיקט.“ דאָס איז מיטגעטהיילט געוואָרען צו די מנהיגי ישראל אין ירושלים, און זיי האָבען זיך דערשראָקען. ניט נאָטירליך פאַר ישוע׳ס בעהויפּטונגען, זאָנדערן פאַר דער גרויסער מענגע פאָלק וואָס איז מיט איהם געגאַנגען. זיי האָבען ערבליקט אַ געפאַהר פיר דער אידיישער רעליגיאָן. מיט דער צייט זיינען אויך ענטשטאַנדען גרויסע אונרוהען אין ישוע׳ס אייגענעם לאַגער. מען פלעגט זיך מתוכח זיין, זיך אָרום קריעגען און פיעלייכט אויך שלאָגען. די געפאַהר פון איין איבערפאַל פון דער רוימישער מיליטער אַבטהיילונג, האָט זיך יעדעס מאָל מעהר דערנעהנטערט. די מנהיגי ישראל האָבען געוואָלט איין ענדע מאַכען, זאָ שנעל ווי מעגליך, פון דער דראָהענדער געפאַהר, אָבער זיי האָבען דאָס געוואָלט אָבמאַכען רוהיג און געלאַסען, ווייל זיי האָבען שוין מורא געהאַט פאַר ישוע׳ס נאָכפאָלגער. וואָס האָבען זיך פיעלייכט געצעהלט אין די פיעלע הונדערטער. דאַן, האָבען זיי אַליין, פּערזענליך, זיך אויך געוואָלט איבערצייגען אויב עס איז אמת דאָס וואָס זיי האָבען געהערט. צו דיעזען צוועק האָבען זיי איהם געשיקט אָנזאָגען אַז ער איז איינגעלאַדען צו די חכמי ישראל נאָך ירושלים. ישוע, וועלכער האָט ביז יעצט אויסגעמידען דיעזע געגענד, און געזוכט זיינע אָנהענגער אונטער דער אונוויסענדער קלאַסע, איז פון דיעזער נאָכרירט ערפרייט געוואָרען, רעכענענדיג אַז ער וועט איין עהנליכע ראָלע קענען שפּילען אונטער די אינטעליגענטע. ער האָט זאָפאָרט געאיילט נאָך ירושלים און זיך געשטעלט פאַר די חכמים. דיזע האָבען איהם רוהיג עמפּפאַנגען און אָנגעפאַנגען אויסצופרעגען איבער זיינע אידעען. אין דער בעגייסטערונג אָבער פון זיך זעלבסט, האָט ער צו זיי גערעדט גראַדע ווי צו דעם פּראָסטען עולם און דערצעהלט אַז „גאָט האָט איהם געשיקט צו בעקעהרען די אידען, און ער איז דער איינציגער פערמיטלער צווישען גאָט און מענש.“ ער איז ניט געווען זעהר העפליך אין זיין בענעהמונג, און ער האָט אויך דאַפיר אַ מיאוס׳ע בעהאַנדלונג ערהאַלטען. אייגער האָט איהם אָנגעכאַפּט ביי די האָר און איהם געגעבען אַ גוטען טרייסעל, זאָגענדיג: „ווען דו ביסט אַזאַ גרויסער חשוב ביי גאָט, צייג אונז דיינע מופתים!“

---

* זעה איבער דיזען ענין דעם פענח רזא פ׳ ראה; חזות קשה דף ל״ב; ספר כד הקמח ואת גאולה, און מדרש תלפיות ענף אדום.

עס שיינט אַז ער האָט ניט געהאַט וואָס צו ענטפערען. „שנעל! שנעל!" האָבען די חכמי־ישראל געשריען, „בעאייל זיך און רוף צו גאָט ער זאָל דיר העלפען, ווייל מיר קענען דיך הרג'ענען, און מיר וועלען דאַן פערגיסען אונשולדיגעם בלוט." זיין ענטפער איז ענדליך געווען: „מי יקום לי עם מרעים מי יתיצב לי עם פועלי און."

יאָ, ער האָט גאַנץ גוט געשימפּפט אין דער געגענוואַרט פון די פאָרשטע־הער פון יודענטהום, אָבער עפּעס פערנינפטיגעס האָט ער זיי ניט געקענט זאָגען.*)

ישוע איז דרייסטער געוואָרען. ווען עס איז געקומען פאַר פּסח, האָט ער גע־זאָגט צו זיינע אָנהענגער: „קומט לאָמיר געהען נאָך ירושלים." זיינע אָנהענגער האָבען איהם געגעבען אַ גרויסאַרטיגען עמפּפאַנג. אָבער ישוע האָט שוין מורא געהאַט אַז ער וועט אַריינפאַלען אין די הענד פון דיעזע וואָס זוכען איהם. ער האָט אָבער אויך געוואוסט אַז מען וועט ניט וואַגען קיין גרויסע אופרוהר צו פעראורזאַכען צוליעב זיין אַרעסט, און לויט „תולדות ישו," האָט ער און זיינע אָנהענגער זיך אָנגעקליידעט אין עהנליכע מלבושים, כדי מען זאָל ניט דערקאָ־נען איינעם פון צווייטען. די פּרושים האָבען פערשטאַנען אַז אונטער די גלייך־געקליידעטע, געפינט זיך אויך ישוע, און זיי האָבען בעשלאָסען איהם צו כאַפּען, אָבער, נאַטירליך,עס זאָל קיין אופרוהר פעראורזאַכט ניט ווערען. יהודה איש קריות. איינער פון זיינע צוועלף גבאים, האָט געהאַט איין אונטעררעדונג מיט די מנהיגי ישראל, און ווי גרויס זיין אמונה איז געווען אין דעם וואָס ער האָט געזעהן טאָג טעגליך מיט זיינע מופתים, קען מען ארויסזעהן דערפון, דאָס פיר דעם פּרייז פון דרייסיג זילבער, האָט ער בעשלאָסען ישוע'ן צו פעראַטען. יהודה האָט אָנגעצייגט, אַז פאַר דעם יעניגען וואָס ער וועט זיך פערנייגען, דער איז ישוע הנוצרי. אויף דיעזער אַרט האָט מען איהם געכאַפּט אָן רעש.**)

---

* דיזע סצענע איז זעהר אונדייטליך, אי פון נייעם טעסטאַמענט, אי פון תולדות ישו. לויט נאָך דעם לעצטען איז ער נאָך דעם אַרעטירט געוואָרען און ענטלאָפען פון געפענגנים, לויט נאָך דעם נייעם טעסטאַמענט איז ער אויך באַלד נאָך דעם אַרומגעגאַנגען פריי.

** די געשיכטע פון נייעם טעסטאַמענט אַז יהודה איש קריות האָט, ישוע'ן פעררעטען, אַז מען האָט בענעטהיגט זיינע דיענסט, ווייל מען האָט ישוע'ן ניט געקענט, איז גאָר ניט גלאַט. ישוע איז געווען שוין אַ גוט־בעקאַנטע פערזאָן. די שילדערונג אין „תולדות ישו". פון איינאַרטיגע קליידער, שיינט דערפאַר צו געבען אַ בעסערע ערקלערונג, ווארום מען האָט

מיר געפינען אין (לוקאס 22,) פאלגענדע געשיכטע: „מען האט איהם, (ישוע'ן) ערגריפען און איהם אוועקגעפיהרט צום כהן גדול. פעטרוס איז נאכגע־גאנגען פון וויטען. אלס מען אנגעצונדען א פייער אין הויף און מען האט זיך ארום געזעצט, האט פעטרוס זיך אויך אנידערגעזעצט צווישען זיי. א דיענסט־פרוי האט איהם ערבליקט זיצענדיג נעגען ליכט, זי האט זיך איינגעקוקט און געזאגט: ער איז אויך געווען מיט איהם (מיט ישוע'ן.) ער האט אבער געלייקענט און געזאגט: פרוי איך קען איהם גאר ניט. נאכדעם האט איהם א מאן גע־זעהען און געזאגט: דו ביסט אויך איינער פון זיי. פעטרוס האט געענטפערט און געזאגט: מענש, איך בעלאנג ניט צו זיי. מיט א שטונדע שפעטער האט א מאן אויף איהם עדות געזאגט און געוויזען, זאגענדיג: אויך דער איז איינער פון זיי, ווייל ער איז פון גליל. פעטרוס האט געענטפערט: מענש, איך וויים גאר ניט וואס דו רעדסט."

אונטער אלע אנהענגער וואס ישוע האט געהאט ביים לעבען, האט זיך פעטרוס מעהר פון יעדען אויסגעצייכענט מיט זיין טרייהייט, איבערגעבענהייט און גלויבען אין איהם. יעצט שטעלט זיך פאר, ווי וויים פעטרוס'עס אמונה אין ישוע'ן איז געגאנגען, ווען ער האט געקאנט דריי מאל נאכאנאנד אזעלכע גראבע ליגען זאגען. און זיך גענצליך ענטזאגען פון איהם, פערגעסענדיג אז ישוע איז גאט'ס זוהן און ער קען אלעס טאן. ווען פעטרוס האט שוין אפילו יא ענדליך פערשטאנען ישוע'ס אבזיכטען און לעהרען פון א הימעל־רייך, איז איהם ענדליך די גאנצע געשיכטע נמאס געווארען, און ווי ער האט געזעהען אז דער וואס האט איהם אוועקגענומען פון פיש־כאפען און איהם געמאכט פאר איין אומזיסטי־גען פרעסער, איז אריינגעפאלען אין די הענד פון זיינע שונאים, האט ער זיך אבגעזאגט פון דער גאנצער באנדע. היינט ווען פעטרוס אליין האט דאס געקענט טאן, וואס האבען נאך בעדארפט זאגען די אינטעליגענטע אידען?

צעהנטעם קאפיטעל

דער פראצעס און היגריכטונג פון ישוע הנוצרי

איך פאנג יעצט אן צו שילדערען דעם וויכטיגסטען מאמענט אין דער עקזיס־טענץ פון ישוע הנוצרי. און, מערקווירדיג, איך וועל דיעזען מאמענט דורכאוים

גנטנעהמען. פון נייעם טעסטאמענט, אונד קיינע אנדערע אויטאריטעטען זאלען מיך בעקימערן. דעננאך, גלויב איך, אז איך וועל פון דיעזער איינציגער קוועלע, אימ־שטאנדע זיין צוזאמען צו שטעלען א גאנצע זאך, וואס זאל זיין קרוב אל האמת.

אויף'ן אנדערן טאג, נאך ישוע'ס ארעסט, נאכדעם זיין גבאי, יהודה איש קריות, האט איהם פערראטהען, האט מען איהם פארגעפיהרט פאר דעם אידישען קרייסען טריבונאל, דיא סנהדרין. מיר ערבליקען שוין אין איהם, בלויז נאך איין נאכט ארעסט, א גאנץ אנדערע פערזאן וויא מיר האבען פריהער געזעהען. ער איז שוין מעהר ניט אזוי רעדע־פערטיג וויא געוועזן, זאנדערן ער זוכט אויסצומיידען ענט־פערס אויף פראגען, פון וועלכע ער וויס אז זיין לעבען הייננט אב. מען האט איהם נעשטעלט דיא פראגע:

„ביסטו דער משיח? זאג עס אונז".

„ווען איך וועל עס אייך זאגען, וועט איהר ניט גלויבען," איז געוועזן דער ענטפער. מען האט איהם וואהרשיינליך געשטעלט נאך אייניגע פראגען, אונד ער איז ענדליך ארוים מיט א האלב־אפענער שפראכע:

„אונד וואס איך וועל אייך פרעגען, וועט איהר דען ענטפערן? זעהט, פון יעטצט אן אונד ווייטער ווען דער מענשען־זוהן,*) ארויף אין הימעל אונד זיטצען צו דער רעכטער האנד פון גאט'ס מאכט."

„ביסטו גאט'ס זוהן?" האט מען איהר געדרונגען מיט דער פראגע זעהענדיג וויא ער וויל קיין דירעקטען ענטפער ניט געבען.

„איהר זאגט עס דאך אז איך בין עס!" **) האט ער אויסגערופען.

דיא סנהדרין האבען איהם מעהר ניט געוואלט ווייטער פערהערען, אונד ער־קלערט: „וואס נאך בענעטהיגען מיר עדות? מיר האבען שוין אלזא געהערט דיא צייגענשאפט פון זיין אייגענעם מויל."

דיא גאנצע פערזאמלונג האט זיך אויפגעהויבען אונד איהם אבגעפיהרט צו פאנטיוס פילאטוס, אונד מען האט גענען איהם דארט ערהויבען פאלגענדע אנקלאגע:

„מיר האבען אין דיעזען מענשען אויסגעפונען אז ער פערפיהרט דאס פאלק

---

*) שוין ניט גאטט'ס זוהן? הערט אייך גוט צו צו זיינע ווערטער. זעהט דיא אריגינאלע פערצייכנונג אין לוקאס, קאפיטעל 22 אונד 23.

**) אויף אזא ארט. האט ער זיך געהאלטען וועהרענד דעם גאנצען פערהער, ניט וועלענדיג בעשטעהען אפען דאס וואס ער האט פריהער געפרעדיגט אונטער דעם המון.

אונד ער פעראירט איהם מען זאל ניט צאהלען קיין מס דעם קיסר,*) בעהויפּטענ־דיג אז ער איז דער אידישער געזאלבטער (משיח.)"

„ביסטו דער אידישער קעניג?" האט איהם דער רוימישער גאָווערנער, פּאָנ־טיוס פילאטוס, געפרעגט.

„דוא האסט עס געזאגט," **) האט געלויטעט דער ענטפער.

פילאטוס, הייסט עס, האט ערקלערט, אז ער האט אין איהם קיין פערברע־כען ענטדעקט. דיעזער רוימער, האט ניט געוואלט דיא אידען זאלען איהם ברייננען רעוואָלוציאָנערע, ער האָט זייא אליין געוואלט כאפּען. דאס יאגד־אפּפער וואלט דאן געשמאקער געווען. אבער דיא אידישע פארשטעהר האבען ענערגישער אויפגע־טרעטען, ערקלערענדיג דאס ער פערפיהרט דאס פאלק אין דער תורה, אונד זיינע מסית־ומסיח־רעדען, קלינגען שוין אב איבער דעם גאנצען לאַנד יהודה אונד אין גליל. לויט זייערע רעליגיעזע נאציאנאל רעכטע, האבען זייא דערפאר געפאָדערט ער זאל בעשטראפט ווערען נאך'ן געזעטץ. פילאטוס האט מיט איהם ניט געוואלט צו טהון האבען, אונד הערענדיג אז ער איז פון גליל, האט ער איהם אבגעשיקט צו הורדוס, טעטראַרך פון גליל, וואס איז גראדע דאמאלס געווען אין ירושלים. הורדוס דער טעטראַרך האט פון איהם עפּעס געהערט, אונד איהם זעהענדיג ערשיינען, האט ער איהם געשטעלט מעהרערע פראגען. ישוע האט אבער איינגעזעהען אז זאגאר מיט זיין צווייזייטיגער שפּראַכע האט ער זיך אליין בעשולדיגט, אונד ער האט בע־שלאסען גאר צו שווייגען. ער האט אויף דעם טעטראַרך'ס ווערטער קיין ווארט געענטפערט. הורדוס אונד זיינע מיליטערישע בעגלייטער האבען איהם דערפאר געזידעלט אונד פון איהם שענדליכען שפּאט געמאכט. דאן האט ער איהם צוריק געשיקט צו פילאטוס'ן.

מיר ערבליקען דא א מערקווירדיגעס בילד: פילאטוס לאָזט רופען דיא אי־דישע פארשטעהער אונד זאגט צו זיי:

„איהר האט מיר אהער געבראכט דיעזען מאַן אלס א פאָלקס־פערפיהרער אונד איך האב איהם אין אייער געגענווארט אויסגעפאָרשט אונד קיין שלעכטס אין

---

*) זעה 8־טעס קאַפּיטעל פון דיעזען בוך, וויא ישוע דריקט זיך אויס איבער דעם שטייער צאהלען, אונד דאָס בעווייזט אז דיא בעשולדיגונג פון דיא סנהדרין איז געווען גוט בעגרינדעט.

**) דיעזע ווערטער, אָבוואָהל צווייזייטיג, האָבען דענאָך געמיינט אז ער איז דער „קעניג פון דיא אידען", גראַדע וויא ער האט געענטפערט דיא סנהדרין אויף דער פראגע אויב ער איז נאָט'ס זוהן.

איהם געפונען פעסט צו שטעלען אייער בעשולדיגונג. אונד הורדוס האט אין איהם קיין פערברעכען ענטדעקט וואס זאל בערעכטיגען א טויטעס אורטהייל, אונד דער־פאר האט ער איהם צוריק געשיקט. איך וועל איהם אבער בעשטראפען (קלעפ געבען) אונד דאן וועל איך איהם בעפרייען.״

פון פילאטוס׳עס ווערטער איז צו זעהען, דאס ער האט ישוע׳ן ניט געהאלטען פיר קיין רעוואָלוציאנער, אדער דאס ער קען שעדליך זיין דער רוימישער הערשאפט. דיא אידישע געזעטצע וויעדער, דאס א „מסית ומדיח״ האט פערדיענט דעם טויט, האט ער ענטוועדער ניט געקענט אדער זיך ניט געוואלט בעקימערען אום זיי, ווייל ער אליין איז געווען א געטצענדינער. דיא בעווייזע פון ישוע׳ס אויפטרעטען געגען דיא אידישע דינים, זיינען, אהנע צווייפעל, געווען גענוג דייטליך אונד קלאָר. ער איז אלזא געווען א בן־מות, לויט דעם אידישען געזעטץ־בוך, אונד מען האט פערלאנגט אז דער אידישער אורטהייל זאל בעשטעטיגט ווערען פון דעם רוימישען גאָווערנער. נאך א לענגערען ויכוח, האט פילאטוס איינגעשטימט. פון דיעזער מינוט אן, האט ישוע ארויסגעטרעטען פון דער אידישער יורסידיקציאָן, אונד איז איבערגעגאנגען צו דיא רוימער. ישוע׳ס הינריכטונג, האט ניט בעדארפט שטאטפינדען דורך איינער פון דיא ארבע מיתות בית־דין, פארגעשריעבען אין אידישען שטראף־געזעטץ־בוך, זאנדערן אויף רוימישער ארט, ווייל דאס האט שוין אויסשליסליך בעלאנגט צו דער רוימישער רעגיערונג, אונד דערפאר זעהען מיר אויך פון דער צייט אן, בלויז דיא רוימער, מיט זייער גאנצע בלוטיגע רציחה, בעטהייליגט.

יוחנן דער עוואנגעליסט דערצעהלט אונז (יוחנן, 19) דאס פילאטוס זעלבסט האט געלאזען ישוע׳ן פריהער מארטערען אונד שמייסען מיט ריטער. זיינע סאלדאטען האבען אויסגעפלאכטען א דארנען־קרוין אונד ארויף געזעטצט אויף זיין קאפ, דאן האט מען איהם אנגעצויגען א פורפור־העמד, צום שפאט, אלס א קעניג. דיעזע סאל־דאטען זיינען צו איהם צוגעגאנגען אונד געשריען: „עס לעבע דער אידישער קעניג״! *) אונד איהם געפאטשט אין דיא באקען. נאך דיעזער שענדליכער סצענע, האט ערשט פילאטוס—געוויס איראָניש—ערקלערט, דאס ער קען איהם נאך בעפרייען ווען דיא אידען ווילען. אבער דער סקאנדאל איז שוין צו וויט געטריעבען געווארען, אונד דיא

---

*) איך צווייפעל ניט, דאס דיעזע אידען וואס האָבען דאס צוגעזעהען, האבען געוויס חרטה געהאט דארויף וואס זייא האָבען איינעם פון זייער בלוט אונד פלייש, איבערגעגעבען צו דיא בלוט־דורסטיגע באנדיטען אונד שענדער פון נאמען איד. דער מאמר התלמוד: „גזורא עד עשרה דרי לא תבזי ארמאה באפיה״ איז אימער א וואהרהייט אונטער אידען.

געקריינקטע אידען, אום א סוף צו מאכען, האבען זיי געשריען: „קרייציגע איהם! קרייציגע איהם!" (לויט נאך דעם רוימישען געזעטץ.) פילאטוס, מיט היפאקריטישע פרומקייט, האט געענטפערט: „נעהמט איהר אונד קרייציגט איהם, איך האב אין איהם קיין פערברעכען ענטדעקט." דאס איז געווען שוין נאך דעם וויא ער האט איהם געמארטערט. דיא אידען האבען קורץ געענטפערט: „על־פי דין פון אונזער תורה, האט ער פערדיענט דעם טויט, וזייל ער זאגט אז ער איז גאט'ס זוהן." פילאטוס האט דאן נאך אמאל פארגענומען א פערהער, אונד אום ניט דיא אידען צו געבען סאטיספאקציאן, האט ער געזעהען פעסט צו שטעלען דיא אנקלאגע געגען איהם, אלס רעוואלוציאנער. דער עוואנגעליסט יוחנן ווידערשפריכט זיך דא, אין דעם וואס ער זאגט אז פילאטוס האט ישוע'ן איבערגעגעבען צו דיא כוהנים, זיי זאלען איהם קרייציגען, אונד אביסעל ווייטער (קאפיטעל 19) זאגט ער אז מען האט איהם געקרייציגט אונד פילאטוס האט געלאזען אויפשרייבען אויף דעם קרייץ, מיט איין איראנישען זינן, דיא ווערטער: „ישוע הנוצרי דער אידישער קעניג" אין דרייא שריפטען, העברעאיש, לאטייניש אונד גריכיש. *) דיא געבילדעטע אידען זיינען שוין ענדליך עמפעהרט געווארען אונד געזאגט צו פילאטוס'ן: „שרייב ניט דער אידישער קעניג, זאנדערן אז ער האט געזאגט: איך בין דער אידישער קעניג." פילאטוס האט געענטפערט מיט געוועהנליכער פרעכהייט: „דאס וואס איך האב אנגעשריעבען, איז גוט אנגעשריעבען."

דער קרייץ־טויט, איז געווען דיא שרעקליכסטע ארט פון היגריכטונג, וואס בארבארישע מענשען האבען נאר אמאל געקענט אויסטראכטען. דער אונגליקליכער ישוע, נאכדעם וויא מען האט איהם אזוי ביטער געמארטערט, האט מען איהם אויסגעצויגען אונד אנגעפאנגען אויפצושלאגען אויפ'ן קרייץ. דער טויט, אונטער זאלכע אומשטענדען, האט ניט זאפארט איינגעטרעטען, אונד עס האט פאסירט דאס מענשען זיינען געבליעבען לעבען אויפ'ן קרייץ מעהרערע טעג, אונד זיינען געשטארבען ענטוועדער פון בלוט־פערגיפטונג, פערבלוטונג אדער גאר פון הונגער. **) וועהרענד דיעזער שוידערהאפטער אפעראציאן, ערבליקען מיר א הערצרייסענדע סצענע: זיין מוטער מרים אונד זיינע א טאנטע, וויא אויך א געוויסע מרים דיא פרוי פון קאלכאס

*) מען בעהויפטעט אז דיא לאטייניטע פראזע "Jesus Nazarenus Rex Judaeorum" איז גראדע אזוי נאך איבערגעגעבען געווארען בקבלה, וויא פילאטוס האט געלאזען אויפשרייבען אויפ'ן קרייץ. דער העברעאישער אונד גריכישער טעקסט, פעהלען.

**) זעה דאריעבער רענאן צום שלוס פון זיין ווערק La Vie de Jesus.

אונד מאגדאלענא, זיינען געקומען בייוואהנען דאס טרויעריגע ענדע. ישוע, שוין זייענ־דיג אויסגעשלאגען אויפ'ן קרייץ, האט ער ערבליקט זיין מוטער.

„פרוי !" האט ער צו איהר געזאגט, „זעה, דיין זוהן !" מען מעג זיך א בעגריף מאכען וואס דיא ארמע מוטער האט דאמאלס געשפירט. אין דערזעלבער צייט זעהן מיר זיך ערוועקען אין ישוע'ס ברוסט דאס עדעלע געפיהל וואס א קינד שפירט צו דיעזער, וועלכע האט איהם אויף דער וועלט געבראכט. ער האט פערשטאנען אז זיא איז עלענד אונד ארעם, אונד ער האט זיך געווענדעט צו זיינעם א תלמיד זאגענדיג : „זעה, זיא איז פון היינט אן אונד וויטער, ד י י ן מוטער." דיעזער תלמיד האט שפעטער אריין גענומען ישוע'ס מוטער צו זיך אין הויז, וואו זיא איז פערבליעבען ביז צו איהר טויט. וויא ריהרענד דיעזע סצענע איז, מוזען מיר אויך בעמערקען ישוע'ס גרויסע דולדונגס-קראפט. מיר זעהען אין איהם דעם ווירקליכען איסי, וואס האט געשטודירט וויא צו ליידען שמערצען, אונד זיך פאסען זאגאר דאן, ווען ער האט זיך געפונען אין טויטעס-אנגסט. דאן האט דער אונגליקליכער געשפירט א ברענענדען דורשט. דער אונבארמהערציגער רוימער, נעבען איהם, האט איהם דערלאנגט א שוואם איינגעטונקט אין עסיק, וואס האט זיין דורשט נאך מעהר ערוועקט. אבער דאס איז שוין געווען צו פיעל זאגאר פיר דעם גערולדיגען ישוע. ער האט דאן אויס־געשריען : „גאט, מיין גאט, ווארום האסט דוא מיך פערלאזען?" *) דיא אנשטרענגונג פון דיא לעטצע עטליכע טעג, וועהרענד דער רייזע, בעהאלטען זיך, געפאנגענשאפט אונד אונמענשליכען מארטער, האט צוזאמען צו פיעל געווירקט. דאס בלוט האט נאך וואהרשיינליך אויך געפונען א פלאטץ צום רינען, אונד נאך איינינע שטונדען שווי־דערהאפטע שמערצען, האט ער אויסגעהויכט זיין לעצטען אטהעם. עס איז געווען ערב פסח אונד ערב שבת, אונד דיא אידען האבען שוין סייא-וויא-סייא געוואלט עס

---

*) זאגאר אין גריכישען אריגינאל ווערען אנגעגעבען דיא ארמישע ווערטער: „אלהי, אלהי, למה שבקתני." דאס איז אויך געווען דיא שפראכע וואס איז דאמאלס געשפראכען געווארען אונטער אידען, אונד עס שיינט אז ישוע האט ווירקליך דיעזע ווערטער געזאגט, וועלכע זיינען בעהאלטען געווארען בקבלה פיר דיא שפעטערע שרייבער פון נייעם טעסטאמענט. עס איז מערק־ווירדיג וויא ישוע צייגט דא אז ער האט זיין גאנצע האפנונג פערלארען. זאגאר גאט האט איהם פערלאזען, האט ער זיך געטראכט, וועהרענד דיא גרויסע מארטערניסע. קריסטליכע מפרשים האבען זיך געפלאגט מפורש צו זיין וויא דאס איז מעגליך אז ישוע, אין וועלכען גאט זעלבסט איז געווען פערקערפערט, איז געווארען אזוי פערצווייפעלט. אבער עס איז זייא ניט געלונגען דאס צו ערקלערען צור צופריעדענהייט זאגאר פיר האלב-דענקענדע רעליגיעזע קריסטען.

זאל נעהמען א סוף פון דער אויפרעגונג. זיי האבען דערפאר ערזוכט פילאטוס'ן, **ער** זאל ערלויבען מען זאל זיין קערפער ארונטער נעהמען אונד איהם ברייגנען צו קבר ישראל. פילאטוס האט עס ערלויבט, אונד דער תלין, אום זיך צו איבערצייגען אז ער איז טויט, האט ער איהם נאך אריינגעשטאכען זיין שפיז אין דער זייט, פון וואַ־נען עס איז ארויס גערונען בלוט אונד וואסער. א געוויסער יוסף מן הרמתים האט אוועקגענומען זיין קערפער, אונד וויל עס איז שוין געווען זעהר שפעט אונד ער האט מורא געהאט ער זאל ניט מחלל שבת זיין, האט ער איהם בעערדיגט אין א פערטיג אויסגעגראבענעם קבר, אין א גארטען נעבען דעם הינריכטונגס־פלאטץ. מיט דער אבזיכט, וויא עס שיינט, איהם שפעטער פון דארט ארויס צו נעהמען אונד איהם ערגענץ־אנדערש בעערדיגען. זונטאג פריה, דערצעהלט דאס נייע טעסטאמענט, איז ערשיענען מאריא מאגדאלענא ביים קבר, אונד איהם נעפונען לעדיג. *) זיא האט דאריבער מיטגעטהיילט פעטרוס'ן אונד אויך אנדערע. יוחנן דער עוואנגעליסט דער־צעהלט (קאפיטעל 20) פאלגענדעס: „זיי זיינען צוגעקומען צום קבר, געזעהען אונד

---

*) פאָלגענדע ווערטער בילדען איין אויסצוג פון „תולדות ישו:״ — „דאמאלס, (נאך ישוע'ס טויט,) האָבען דיא חכמים זיך דערמאָהנט אז ישוע האָט געזאָגט ווען ער האט געלעבט, דאָס מיט דרייא טעג נאך זיין טויט, ווערט ער אויפשטעהען פון קבר, אונד ארויף פליהען אין הימעל. אונד זייא האבען געזאָגט: פיעללייכט וועלען זיינע תלמידים איהם ארויס נעהמען פון קבר, דאמיט מען זאל גלויבען דאס וואס ער האט געזאגט בייא זיין לעבען. איינער איז שנעל אוועק אונד ארויס גענומען ישוע'ס קערפער אונד איהם געבראַכט אין זיין גארטען, וואו ער האט איהם בעהאַלטען אפילו זיין פרוי אונד קינדער זאָלען ניט וויסען. אלס ישוע'ס תלמידים זיינען געקומען צום קבר אונד איהם געפונען אָפען, האבען זייא זיך זעהר געפרייט אונד געזאָגט: יעטצט זיינען מקוים געוואָרען דיא ווערטער פון אונזער משיח, דאס ער איז לעבעדיג געוואָרען אונד איז ארויף אין הימעל צו זיטצען נעבען זיין פאטער. זייא זיינען שנעל געגאַנגען צו פי־לאַטוס'ן אונד איהם דאס דערצעהלט. פילאטוס האט געלאזען רופען דיא חכמים אונד סנהדרין אונד זייא געפרעגט וואס זייא האבען דארויף צו זאגען. דארויף האט איינער געענטפערט אז דיא גאַנצע מעשה איז ליגען, נאכדעם ער זעלבסט האט בעהאַלטען בייא זיך אין גאָרטען ישוע'ס קערפער. אויף פילאַטוסעס אויפפאָרדערונג, האט ער געבראַכט דעם קערפער אונד איהם אגיע־דער געלעגט פאר ישוע'ס אנהענגער, זאָגענדיג: „אָט איז צוריק געקומען אייער משיח פון הימעל אונד ער ליעגט פאר אייערע אויגען. וועקט איהם, פיעללייכט שלאָפט ער אונד ער ווערט זיך אויפכאַפען.״ ישוע'ס אנהענגער זיינען גלייך אנטלאָפען אונד ארום געוואַנדערט פון פלאַטץ צו פלאַטץ, וואו זייא האָבען פיעל געליטען.״

געגלויבט״. זיי האבען געזעהען אז דער קבר איז לעער אונד שוין געגלויבט אז ישוע איז לעבעדיג געווארען. דיא ערשטע פערזאָן, צו וועמען ישוע בעווייזט זיך אלס א ווידער־לעבעדיג־געווארענער, איז מאריא מאגדאַלענא, דיא פרוי וואס האט אין זיך אמאל געהאט זיעבען רוחות. אין אנדערע דבורים הייסט עס: מאריא מאגדאַלענא, וואס האט געליטען פון חולי־נופלים, היסטעריע אונד זאנסטיגע שוואכע נערווען, איז געווים געוועןְ וויא אלע אנדערע, זעהר א פאנטאסטישע פערזאָן, אונד זיא האט געקענט זעהען טויזענד ישועס אין איהר קראנקעם געהירן. ישוע, הייסט עס ווייטער, האט זיך אויך בעוויזען צו נאך אנדערע פון זיינע תלמידים, אבער צו קיין איינציגע פעראַנטוואָרטליכע פערזאן אונטער אידען אין ירושלים, וועלכע זיינען פריהער געוועזען זיינע גרויסע געגנער. דיא אַרמע פישערם, זעהט עס אוים, האבען געהאט גאנץ גרויסע מאגענס, אבער זעהר קליינע געהירן. איבערהויפט, וואלט איך געוואלט זעהען, וועלכעס שוואור־געריכט, וואלט יעטצט אנערקענט דיא אויסזאגונגען פון א פרוי וויא מאריא מאגדעלינא איז געוועןְ.

איך בין אין דיעזער בעציהונג, דורכאוים איינשטימענד מיט דעם גרויסען געלעהרטען ערנסט רענאָן, וועלכער זאגט אין זיין בוך La Vie de Jesus דאס א טהייל פון זיינע (ישוע׳ס) תלמידים, האבען איהם ארויסגענומען פון קבר זונטאג פארטאָג, איהם אירגענד וואו אנדערש בעערדיגט, אונד זיי האבען ניט געפונען פאר נעטהיג דאריבער מיטצוטהיילען דיא אנדערע. מאטטהעאוס (קאַפּיטעל 28) שליסט א מיטהייל מיט דיעזע ווערטער: „אונד דיא נאכריכט (דאס ישוע׳ס תלמידים האבען זיין קערפער ארויס געגנב׳עט פון קבר), האט זיך פערברייטעט אונטער ; א אידען ביז צום היינטיגען טאָג״. *)

עלפטעס קאַפּיטעל.

א ׳נטערזוכונגען איבער דעם וואס ישוע הנוצרי האט געפרעדיגט.

נאך דעם טויט פון ישוע הנוצרי, זעהען מיר א מערקווירדיגעס בילד: זיינע אנהענגער, אנשטאט איהם צו פערגעסען, האבען זיי איהם אנגעפאנגען צו האַלטען

---

*) נאָך אַלס קינד האָב איך געלעזען א בוך, אַזאַ מין ראָמאַן אין דער רומענישער שפּראַכע, (איך דענק אַז דאָס איז געוועזען פון ערגיץ איבערזעטצט,) אונד דאָרט ווערט דערצעהלט אַז ישוע איז ארונטער גענומען געוואָרען לעבעדיג פון קרייץ, אונד ער האט נאָך פיעלע יאהרען נאכדעם געלעבט אין רוים. דאס בוך רופט זיך Judas Iscariotus. אבער מען האָט שוין איבער דיעזען ענין אזוי פיעל געפלוידערט, אז מען וויים ניט וועמען מען זאָל פריהער ניט גלויבען.

אלס מערטירער. זיי האבען בעהויפטעט אז ער האט זיך געאפפערט פיר זייערע זינד אונד אלס א כפרת עוון האבען זיי איהם פערהייליגט. אבער וואס האט ער געוואלט זיי זאלען טהון? דיעזע פראגע איז שווער צו בעענטפערען. מיר זעהען אז זיינע ערשטע נאכפאלגער זיינען פערבליעבען גלויביגע אידען אונד מקיים געווען אלע מצוות מן התורה, אונד, דערביי אויך געגלויבט, אז מיט ישוע׳ס בלוט, בשעת זיין הינריכטונג, זיינען מכופר געווארען דיא גרויסע זינד פון דער מענשהייט. בעסער געזאגט, זייא האבען זיך פארגעשטעלט אז אין דער וועלט איז געווען א קריזיס וויא צו דער צייט פון דיא אנשי דור המבול, אונד גאט, אנשטאט אומצוברייננגען דיא גאנצע וועלט, האט ער זיך צופריעדען געשטעלט בלויז מיט ישוע׳ס בלוט. דאס, נאטירליך, איז נאך ניט געוועזן קיין ענטשולדיגונג פיר אנדערע זינד, זאנדערן זיינע אנהענגער זיינען נאך דעסטא פרומער געווארען אונד געזעהען צו טהון אלעס וואס אין תורת משה איז אנגעשריעבען.

אבער וואס האט ישוע אליין דאך געוואלט? אט אין דיעזער פראגע ליעגט דער הויפט וועגדונגס-פונקט פון דער קריסטליכער רעליגיאן. מיר ערבליקען ערשטענס לחלוטין קיין נייעס אין דיא לעהרען פון ישוע. אלעס האט געשטאמט פון דיא חכמים, אונד ער האט נאר זייערע ווערטער איבערגעחזר׳ט. מיר ערבליקען ביי איהם דעם „גדר״ אדער „סייג לתורה״ וויא ביי דיא פרושים. ער האט געפרעדיגט: „ווען מען האט געזאגט צו דיא קדמונים: לא תרצח, אונד ווער עס הרג׳עט איז חייב מיתה, זאג איך, אז אפילו אזעלכער וואס איז נאר מכעיס זיין חבר, איז שוין אויך שולדיג, אונד ווער עס רופט זיין חבר רשע, אונד ווער עס איז מבייש זיין חבר אונד רופט איהם נארר, פאלט אריין אין גיהנם.״ (מאט. 5, 22, 22) דאס אלעס איז א „גדר״ צו „לא תרצח״. דיא פרושים האבען געזאגט: „והמלבין חברו ברבים, כאילו שופך דמים״. (בבא מציעה, נ״ח.) „המתכבד בקלון חברו אין לו חלעו״הב״ (ירושלמי חגיגה פ״ב׳ מגילה כ״ח.) „והקורא לחברו רשע יורד עמו לחייו״ (קידושין כ״ח.) איבער „לא תנאף״ זאגט ער, דאס „דעריעניגער וואס קוקט נאר אפילו אויף א פרוי, איז שוין א נואף״ (מאט. 5, 27) דאס איז איין אלטע פרושים לעהרע. ער האט ניט געהייסען זיך שווערען, גראדע וויא עס האט זיך געפיהרט אין דער איסיים פארטייא. זעה דאריבער (ת״כ קדושים פ״ח, ב״מ מ״ט.) זיין בעהויפטונג אז ליעבען דעם צוויימען וויא זיך זעלבסט איז דער גרעסטער כלל אין דער תורה, (מאט. 22) איז געוויס איין אלטער כלל געווען אין יודענטהום, ווייל תורת משה האט עס פריהער געזאגט אונד דיא גמרא איז מוסיף: „מאן דסני עלך לחברך לא תעביד, ואידך פירושא״ (שבת ל״ז.) ליעבען דעם שונא, איז אויך אונטער אידען פריהער געזאגט

געוואָרען תורת משה זאָגט בפירוש: „כי תפגע שור אויבך או חמורו תועה, השב תשיבנו לו.“ (שמות, כ״ג, ד׳.) זעה אין כתובים אחרונים (טוביה, 6.) זאָגאר זיין אויפטריט געגען שבת (מארקוס 2,27.) איז אויך קיין נייעס ניט געווען, זעה (מכילתא כי תשא,) „השבת מסורה לכם ואין אתם מסורים לשבת.“ דער בעגריף דאס עס וועט קומען א צייט ווען אלע פעלקער וועלען זיך ווענדען צו איין גאָט אונד דיא געטצענדינערייא וועט בטל ווערען, איז ערשטענס פון ישעיה׳ן לאנג געפּרעדיגט געוואָרען אונד איז פון דיא אנשי כנסת הגדולה אריין געגעבען געוואָרען אין טעגליבען געבעט פון „עלינו לשבח.“) *) איך האָב דאָ נאָר געבראכט איינינע ביישפּיעלע פון פערגלייכונגען, אז ישוע׳ס מאָראל לעהרע וויא אויך האפנונג פיר א צוקונפט, איז דורכאויס ניט געווען זיינעס, זאָנדערן ניט מעהר וויא א רעפּיטירטע תורה פון דיא פרושים. דיעזע לעהרען, וואס זיינען נאר געוועזן בעקאַנט צו דיא יחידי סגולה אין יודענטהום, אונד וועלכע ישוע האט עפענטליך פּראָפּאגאנדירט, האבען זיך וואהר־שיינליך צום ערשטען מאל געהערט אונטער דער מאסע אונד זייא האבען ניט פער־פעהלט זייער גוטען איינדרוק צו מאכען. איבערהויפּט זיין פּראָפּאגאנדע פיר דיא

---

*) מויסטענטהיילס וואו דיא גמרא דערמאָהנט מינים, מיינט מען קריסטען. מין איז דיא ר״ת פון „מאמיני ישוע נוצרי.“ דיא חכמים האבען אויך בעצייכענט מיט דיעזען נאָמען יעדען איינעם וואָס האט בעלאַנגט צו איין אנדערע סעקטע אויסער דיא פרושים. (זעה רש״י סוטה מ״ט ב׳; רש״י חגיגה ה׳ ב׳, ראש השנה י״ז א.״) איך מוז דאָ בעמערקען, אז דיא חכמים האבען ניט גענומען קיין זאך פון נייעם טעסטאַמענט אדער פון דיא לעהרען פון נוצרי. זייא האָבען אַלעס מעגליכע אנגעווענדעט אויסצומיידען זייערע לעהרען. עס זיינען געמאַכט געוואָרען ספּעציעלע תקנות געגען דיא מינים. זעה אין (חולין י״ג,) וואו מען האט פערבאָטען זייער שחיטה, זייער ברויט אונד פריכטע. אויך געגען זייער הייראַטה (תוספתא שם פ״ב.) „וספר תורה שכתבו מין ישׂרף“ (גיטין מ״ה.) זאָגאַר וועגען דער תפלה האט מען נייע דינים מתקן געווען אום מען זאָל דאדורך ניט פערקעהרען מיט דיא קריסטען; זעה: (ברכות י״ב אונד ירושלמי אויף דעמזעל־בען פּלאַטץ.) זעה ווייטער אין (פסחים נ״ו.) דיא זוהר תפלה „בריך שמה דמרא עלמא“, ענט־האַלטעט פאָלגענדע מערקווירדיגע ווערטער, וועלכע צייגען וויא אזוי מען האָט געזוכט מיט אַלע מעגליכקייטען זיך מרחיק צו זיין פון דעם מינים־גלויבען: „לא על אנש רחיצנא, ולא על בר אלהין סמיכנא, אלא באלהא דשמיא, דהו אלהא קשוט.“ דאס אַלעס בעווייזט אז דיא מאָראַל לעהרען אונד אַנדערע לעהרען, וועלכע מיר געפינען מיט איין עהנליכקייט אויך אין תורה שבעל פה, האבען פון לאַנג שוין עקזיסטירט אין יודענטהום, נאָך איידער ישוע הנוצרי׳ן איז איינגע־פאַלען זייא צו פּרעדיגען.

ארמע,*) אונד גענען דיא רייכע, האט, וויא אימער, דאס פאָלק אויף זיין זייט צוגעצויגען. נאך אלעמען וויעדער, האט ישוע אויסדריקלעך געפרעדיגט: „דערפאר, ווער עס צערשטערט דיא קלענסטע פון דיעזע מצוות (פון תורת משה,) אונד לערנט אזוי צו מענשען, וועט אנגערופען ווערען א ניעמאנד אין הימעלרייך, אונד ווער עס טהוט זייא אונד לערנט אנדערע זייא צו טהון, וועט אנגערופען ווערען איין עהרע־מענש אין הימעלרייך. איך זאג אייך, ווען אייער פרומקייט וועט ניט גרעסער זיין אלס דיא פרומקייט פון דיא סופרים אונד פרושים, וועט איהר ניט קומען אין הימעלרייך.״ (מאטהעאוס 5, 19, 20, 21.) דיעזע ווערטער זיינען ניט צווייدייטיג, אונד ישוע׳ס נאכפאָלגער האבען זיך אן זייא געהאלטען מיט לייב אונד זעעלע. זייא האבען געהאלטען דיא אידישע צערעמאָניעלע רעליגיאָן, נאך מיט מעהר פינקטליכקייט אלס די פרושים. דיעזע לעהרען האָבען ניט בעאונרוהיגט די הערשענדע פרושים קלאססע; זיי האָבען ווירקליך ניט געהאט קיינעם דאגעגען צו זיין גוט אונד פרום.**) דער גלויבען אבער אין ישוע׳ן אז ער איז לעבעדיג געוואָרען אם 3־טען טאג נאך דער הינריכטונג; דיא בעהויפטונגען אז ער איז גאָטט׳ס זוהן אונד דיא ויכוחים דאריעבער אין דיא שוהלען, דאס האט ארויסגערופען עמפעהרונג אונטער דיא אינטעליגענטע אידען. עס איז פאָזיטיוו געווען איין עבודה זרה אין דיא אויגען פון דיא פרושים, אונד זאָוואס צו דערמאָהנען אין א מקום קדוש, האט זייא שרעקליך אויפגערעגט. פון דאמאָלס אן האט מען אנגעפאנגען ישוע׳ס נאָכפאָלגער צו טרייבען אונד פערפאָלגען, אונד מען האט געזוכט זייא אבצוטהיילען פון דעם כלל אידען, כדי דיא מאסען זאָלען ניט פערפיהרט ווערען. ישוע הנוצרי, ביים לעבען, האט געקענט געפעהרליך ווערען אלס רעוואָלוציאָנער; ישוע הנוצרי, נאך׳ן טויט, איז געפעהרליך געוואָרען פיר

*) אויך דאס איז ניט געווען זיין אָריגינאַלע תורה. מען האָט שוין לאַנג געוואוסט פון הענוים ירשו ארץ (תהלים ל״ז.) ומי שמשפיל עצמו הקב״ה מגביהו״ (עירובים י״ג.) „ענו.... בן עוה״ב״ (סנהדרין פ״ח) זעה דאריעבער באריכות אין דור דור ודורשיו ח״ר, פרק כ״ד.

**) ישוע אנהענגער נאך זיין טויט, האבען זיך גאַנץ רוהיג געהאַלטען אין דער בעציהונג צו פּאָליטישע אנגעלעגענהייטען. דיא פרושים האָבען שוין פיר רעוואָלוציאָנערע אונרוהען ניט מורא געהאַט. איך קען מיך שוין ניט עראינערן וואו איך האב ערגעץ געלעזען, אז דיא ערשטע יודען־קריסטען, באַלד נאָך ישוע׳ס טויט, האבען זיך פּאָזיטיוו ענטזאַגט פון אנטהייל נעהמען אין אירגענד א פּאָליטישער צוזאַמענקונפט, אום עס זאָל ניט הייסען אז דיא פערפיינדען זיך מיט דער רעגיערונג. ישוע׳ס סוף, היגגעריכטעט צו ווערען אלס פּאָליטישער [illegible], האט זייא געצייגט וויא געפעהרליך אזא אונטערנעהמונג קען זיין.

דער אידישער הערשענדע רעליגיאָן. ניט דורך זיינע פּרעדיגטען וואס האבען ווירקליך מאַנכעס זעהר גוטעס ענטהאַלטען, זאָנדערן דאריבער וואס געטצענדיענערישע דעות האבען זיך אנגעפאנגען צו ענטוויקלען מיט דעם גלויבען אין איהם. אונד אז דיא פּרושים האבען קיין טעות ניט געהאַט, ווערט בעוויעזען פון דיא שפּעטערע ענטוויקעלונגען.

צוועלפטעס קאַפּיטעל.

דער אַפּאָסטעל פּאולוס אונד זיין פּערזענליכקייט.

דיא וויכטיגסטע פּערזאָן אין קריסטענטהום, אונד אהנע צווייפעל נאָך וויכטיגער אלס ישוע זעלבסט, איז געוועזען שאול אדער פּאולוס. זיין לעבען אונד ווירקען איז פערבונדען מיט אזוי פיעלע אינטערעסאנטע בעגעבענהייטען, דאָס איך וואלט געקענט דאריבער שרייבען א גאנצעס בוך. אבער איך וועל מיך קורץ פאסען אום איין אבערפלעכליכען בעגריף צו געבען איבער איהם. אין דער קריסטליכער געשיכטע זעהען מיר איהם ערשיינען אונטער מערקווירדיגע אומשטענדען. אין דער אַפּאָסטעל געשיכטע (קאַפּ. 7) ווערט פאלגענדעס דערצעהלט: „אונד זייא (דיא אידען) האבען איהם (איסטעפאַנוס, א מסית ומדיח) ארויסגעבראַכט אויסער דער שטאדט אונד איהם פערשטיינט, אונד דיא עדות האבען אבגעצויגען זייערע קליידער צו דיא פיס פון א יונגען מאן מיט דעם נאַמען שאול. אונד זייא האבען פערשטיינט איסטעפאַנוס'ן.... אונד שאול האט זיך געווענדעט נאך זייא מיט דער אבזיכט איהם (א יודען־קריסט) צו טויטען.... אונד שאול האט פערפאלגט דיא (קריסטליכע) געמיינדע עד־לעפר, געהענדיג פון הויז צו הויז אונד ארוים שלעפענדיג מענער אונד פרויען אום זייא צו ברענגען אין געפענגנים.“

אַט דיעזע ווערטער זאָגען דיא קריסטען זעלבסט איבער שאול'ן. אדער, וויא זייא האבען איהם שפּעטער גערופען, פּאולוס. ער איז געוועזען, לויט נאך זייערע ווערטער, א מקנא קנאת ד' צבאות פיר אידען, אונד פערפאָלגט דיא קריסטען מיט לייב אונד זעלע. ער איז אָבער נאָך ניט צופריעדען געוועזען מיט זיין טהעטיגקייט ארום ירושלים אליין, זאנדערן ער האָט בעשלאָסען דיא קריסטען, אדער אנהענגער פון ישוע'ן, צו פערפאָלגען אויך אין אנדערע געגענדען. צו דיעזען צוועק האט ער ערהאלטען א פאָלמאכטס בריעף,*) (אַפּאסטעל געשיכטע, 9, 1, 2.) דאמיט, וויא ער

*) דיעזער פאָלמאכט בריעף איז געוועזען אויף דערזעלבער אַרט וויא דיא פּעפּסטע פלעגען ארויסגעבען אין 13־טען יאהרהונדערט צו דער Militia Jesu Christi Contra Haereticos.

וועט קומען, זאָל ער קריעגען פּאָליצייליכע הילפע אום ישוע'ס נאכפאָלגער צו בעשטראָפען. געהענדיג אבער נאך דאמאסקוס, האט זיך צו איהם בעוויעזען ישוע אונד איהם בעקעהרט צו זיך.*) פון דיעזען מאָמענט אַן, איז שאול געוואָרען א גאַנץ אנדערער מענש, אונד גראדע וויא ער האט פריהער פערפאָלגט דיא אנהענגער פון ישוע'ן, אזוי איז ער געוואָרען איינער פון זייא אונד געשטרעבט צו פערברייטען דיא לעהרען פון דעם אין וועלכען זייא האבען געגלויבט.

דיא פערזענליכקייט פון פּאולוס, ווערט פון דיא קריסטען, אויף פאָלגענדער ארט געשילדערט: ער איז ענטוועדער אמאָל יא געווען פערהייראַטעט אדער ער האט אויף זיין לעבען ניט געהייראַטעט. ער איז געווען פון ניעדריגער סטאטור, מיט א העסליכעס געזיכט אונד א קראנקער, ליידענדיג פון דער פאללענדע קראנקהייט.**) אין דער אפּאָסטעל געשיכטע ווערט דערמאָהנט איינינע מאל, אז ער איז געווען דער תלמיד פון ר' גמליאל הזקן.***) איבער זיין אידישער בילדונג, איז אונז זעהר לייכט צו אורטהיילען פון זיינע שריפטען וואס ער האט צוריק געלאָזען, אדער, וואָס מען שרייבט איהם צו אלס זייער פערפאַסער. מיר געפינען דאָרט גרויסע עם-הארצות, מיט א גאנץ שוואכער בעקאַנטשאפט אין דער ביבעל. זיינע שריפטען האבען מיר

פּאולוס, לויט דער קריסטליכער שילדערונג, האט אויך דיא פּאָלמאַכט געקריעגען פון דער אידישער פריעסטער קלאַסע. גראַדע וויא דער פּאַל איז שפּעטער געווען מיט דער קריסטליכער פריעסטער-קלאַסע, וועלכע האבען פערפאָלגט דיעזע וואָס האָבען ניט געגלויבט אין ישוע הנוצרי. וויא צייטען בייטען זיך!

*) רענאַן, אין זיין אינטערעסאַנטער בוך Les Apotres זאָגט, דאָס דיעזע גאַנצע געשיכטע האט זיך אבגעשפּיעלט אין פּאולוס'עס פּאַנטאַזיע. רענאן, אלס קריסט, לייקענט דאָ אלזאָ אָב דיא איבערנאַטירליכקייט.

**) דאָס ערקלערט אלזא וויא אַזוי ער האָט געקענט זעהען א סך פּאַנטאַזיען וועהרענד זיין עפּילעפּטישען צושטאַנד. מאַהאָמעד האָט אויך פּראָפעצייהעט, אָדער ערהאַלטען דיא פּראָפעצייהונג, אין אַזאַ לאַגע. בלעם איז אויך געווען אַ „נופל וגלוי עינים.”

***) דער געלעהרטער רענאן אין זיין בוך Les Apotres בעהויפּטעט, אז אין דיא בריעף פון פּאולוס פון דעם נייעם טעסטאַמענט, געפינען מיר דעמזעלבע סטיל וויאָ אין רבנישע שריפטען. במחילת כבודו פון דעם געלעהרטען מוז איך דאָ זאָגען, אז איך שטים ניט איין מיט איהם. פּאולוס'עס סטיל איז גאַנץ אייגענטהימליך, אונד עס פעהלען אין איהם דורכאוים דיא לאָגישע ארגומענטען מיט וועלכע דיא דאַמאָליגע אידישע שרייבער האָבען זיך בעדיענט. דאָס בעווייזט אלזאָ ניט אז ער האט געגאָסען דעם רבנישען אונטעררִיכט.

ערהאַלטען אין דער אַלט-גרעקישער שפּראַכע, אונד איבער זייא זאָגט מען, אַז זייא זיינען געשריעבען אָהן גראַמאַטישע קענטניס.*) איין זאַך מוזען מיר אָבער צו געבען, דאַס ער איז געוועזען אַ גייסטרייכער מענש אונד, אָהן בילדונג אפילו, איז ער איממשטאַנדע געוועזען זעהר פיעלעס אויפצוטהון. דאָס קריסטענטהום האָט איהם צו פערדאַנקען זיין עקזיסטענץ, אונד אין זיינע אַרבייטען מערקט מען ווירקליך זעהר אַ גרויסע אויפאָפּפערונג.

דאָס, ביז אַהער, איז געשטיצט דורכאויס אויף קריסטליכע שריפטען. יעטצט וועלען מיר הערען וואָס אידישע שריפטען האָבען צו זאָגען. עס ווערט דערצעהלט, דאַס בשעת ישוע'ס אנהענגער האָבען געדראָהעט דיא אידישע רעליגיאָן מיט געפאַהר, האָט מען אָנגעפאַנגען צו זוכען מענשען וואָס זאָלען אָבטהיילען ישוע'ס אַנהענגער פון דיא אידען אונד פון זייא בילדען איין אָבגעזונדערטע פּאַרטייא. צו דיעזער צייט האָט זיך געפונען אַ געוויסער אַבא שאול,**) וועלכער האָט זעהר געהאַסט דיא נוצרים. ער האָט בעשלאָסען צו פערהיטען דאָס יודענטהום, אונד איז אַוועק אונטער ישוע'ס אַנהענגער, זייא דערצעהלט אַז ישוע'ס וואונש איז געוועזען מען זאָל מבטל זיין דיא גאַנצע תורה. זייא האָבען זיינע ווערטער אָנגענומען, אונד זייט דאַמאָלס איז געבילדעט געוואָרען אַ מחיצה צווישען אידען אונד קריסטען. שאול אָדער פּאולוס, האָט זיך דאַמיט פערשאַפט אַ גרויסען נאָמען אונטער דיא אידען.

איך האָב אַלזאָ דאָ געבראַכט ביידע דעות, אונד איך מוז מודה זיין אַז איך אַקצעפּטיר בעסער דיא אַנגאַבען פון נייעם טעסטאַמענט, ווייל זייא שיינען מעהר

---

*) פאָלגענדע ווערטער זיינען ענטנומען פון דער Encyclopaedia Britannica, Vol. VII אַרטיקעל Paul: "Paul's imperfect command of Greek syntax seems to show that his education did not go very far."

**) פאָלגענדע ווערטער זאָגט ר' גרשם באַדער הכהן אין זיין „חלקת מחוקק": — „ער, (פּאולוס,) איז געוועזען ר"ג הזקן'ס אַ תלמיד, אונד פון איהם איז דער בעקאַנטער מאמר אין פסחים נ"ז, א', אונד אין דער תוספת מנחות פ"ג. אַ טהייל זאָגען אַז ער איז געוועזען אַ היידע וואָס האָט זיך מגייר געוועזען, דאַמיט ער זאָל הייראַטהען דעם כהן גדול'ס טאָכטער, וועלכע ער האָט געליעבט, אונד ווייל זיין וואונש איז ניט ערפילט געוואָרען, איז ער צוריק געוואָרען אַ היידע. אונד ווייל ער האָט געהאַסט דיא אידען, האָט ער בעשלאָסען מבטל צו זיין מילה, שבת אונד אַלע דינים פון דער תורה. אַנדערע זאָגען אַז פּאולוס, ניט פון שנאה צו דיא אידען, זאָנדערן ווייל ער האָט זייא געליעבט, אונד וועלענדיג בעקעהרען היידען צום יודענטהום, האָט ער געזעהען [illegible] מילה אונד שבת שטעהט זייא אין וועג, האָט ער דאָס אָבגעשאַפט."

קרוב אל האמת. דיא פלאגען אונד מארטערנים וואס פאולוס איז אויסגעשטאנ קען מען ניט צושרייבען אזעלכען וואס שפיעלט א קאָמעדיע, זאָנדערן א מענשען מיט ערנסטע אבזיכטען, וואס האט זיך געאָפּפערט פיר זיינע אידעען.

דרייצענטהער קאפיטעל.

דיא דייטליכע לעהרען פון פאולוס אונד וואָס עס האָט איהם געבראַכט דערצו.

וואָס האָט פאולוס געוואָלט? אויף דיעזע פראגע איז שווער צום בעענטפערן, דען מיר זעהען בייא איהם אויך דעמזעלבען פאלל וויא בייא ישוע׳ן. ער האט גע־האט א געוויסען ציעל, אבער וויא אזוי אונד אויף וועלכער ארט ער זאָל איהם עררייכען, האָט ער זעלבסט ניט געוואוסט. ער איז נעגאנגען צום ציעל קויט נאָך דיא אומשטענדען, אונד געזוכט איהם צו עררייכען אויף אירגענד איין ארט, אָהנע זיך צו לאָזען שטערען פון זייטיגע הינדערניסע. איך מוז דאָ א ביסעל אונטערברע־כען דעם ענין אונד רעדען איין וועניג איבער פאולוס׳עס ווערקע אין אלגעמיין: מען בעהויפּטעט אז עס איז אבסאָלוט ניט זיכער אויב דיא פאוליסטישע בריעף פון נייעם טעסטאמענט, זיינען פון פאולוס׳ן זעלבסט געשריעבען. איך וויים אבער ניט ווארום מען זאָל איהם בערויבען פון דער פערפאסערשאפט פון דיעזע בריף. דער סטיל ענטשפּרעכט פאָלקאָמען דעם מענשען וואס האָט זיך גערופען פאולוס. איבריגענס, וואָס קימערט מיך וויא ער האָט געהייסען? דיעזע בריעף, וועלכע ענטהאלטען דיא פאָלשטענדיגע קריסטליכע לעהרע, האבען געקענט געשריעבען ווערען פון סאי־ווער, דיא הויפּטזאכע איז, אז אויף זייא בערוהט דאס קריסטענטהום. אלזאָ, מיינע וועד־טער ריכטען זיך נאָך דעם וואס עס ליעגט פאר מיין אויגען אונד נאָך וועלכען דער קריסטליכער גלויבען איז אנגענומען געווארען.

מיר ערבליקען פון אנפאנג, דאס הייסט גלייך נאָך ישוע׳ס טויט, דאס דיא צדוקים, ניט דיא פרושים, זיינען געוועזען דיא גרעסטע פערפאָלגער פון ישוע׳ס אנ־הענגער. דיא אורזאכע דערפון איז געוועזן, ווייל ישוע׳ס אנהענגער האבען געלעגט זייער הויפּט פונדאמענט פון דער רעליגיאָן אויף איין עולם הבא אונד אנדערע לעה־רען וואס זיינען דורכאוים געוועזן געגען דיא צדוקים. זייא (דיא ערשטע קריסטען) זיינען נאָך געוועזן אין דיעזער בעציהונג שטרענגער אלס דיא פרושים. דיא לעטצטע האבען בלויז געזאגט דאס ווער עס לייקענט אין תחיית המתים אונד אין תורה מן השמים, דער האט ניט קיין חלק לעולם הבא. איין ערדישע שטראפע דאפיר, האָ־בען זייא ניט געגעבען, זאָנדערן זייא האבען פארגעשריעבען דיא בעלוינונג אויף נאָכ׳ן טויט. וועהרענד דיא קריסטען וואָלטען פאזיטיוו בעשטראפט פיר אזעלכע אפיקורסיה

דאָ אויף דער ערד, ווען זייא וואלטען נאָר קראַפט געהאַט. זייערע שפּעטערע האנדלונגבעווייזען דאס גאַנץ דייטליך. אבער ווען דיא אנהעננער פון פּאולוס'ן, האָבען אנגעפאַנגען צו פּרעדיגען דיא דרייא־אייניגקייט — גאָט, זיין זוהן אונד דער הייליגער־גייסט,*) דאס ישוע איז לעבעדיג געוואָרען נאך דער היגריכטונג, א. ז. וו. דאַן האָט עס אויך בעריהרט דיא פּרושים, אונד זייא האָבען ניט געוואָלט צולאָזען אזעלכע אידעען זאָלען אפילו גאָר אויסגעשפּראָכען ווערען אין א מקום קדוש, וואָרהין דיא קריסטען זיינען געקומען פּרעדיגען.

פּאולוס, דער אנפיהרער פון דיעזע פּרעדיגער, זעהענדיג אז מיט זיינע אידעען קען ער זעהר וועניג אויפטהון אין פּאַלעסטינא זעלבסט, האָט ער אָנגעפאַנגען צו רייזען אין דיא בענאַכבארטע לענדער. אונד איבעראל האט ער, גלייך מיט ישוע'ן, קיינעם ניט געזוכט אויסער דיא אידען. ער האט אבער אומעטום בעקומען אזא מיאוס'ן עמפּפאַנג פון דיא אידען, דאס ער האט ענטוועדער געמוזט ענטלויפען אדער אויסמיידען דיא בתי הכנסיות. ערשט פון דיעזער פּעריאָדע אן ענטוויקעלט זיך זיין וואהרע טהעטיגקייט. ער האט איינגעזעהען אז ער קען מיט דיא אידען גאָר ניט טהון, אונד ער האט זיך געווענדעט צו דיא היידען אונד פיר זייא האט ער נעפּרעדיגט. דיעזע היידען וואס זיינען ניט געווען נאך אזוי פערזונקען אין געטצענדיענסט אונד ווירקליך געזוכט עפּעס בעסערעס פיר א רעליגיאָן אלס זייא האָבען בעזעסען, האבען איהם עמפּפאַנגען מיט פערגניגען.

דיא אידען זיינען ניט געוועזן קיין מיססיאָנס פאָלק. דער מאמר: „קשים גרים לישראל כספחת'' בעווייזט עס גאַנץ דייטליך. דיא אידישע רעליגיאָן, האָט שוין לאַנג געהאַט געפונען איין אבקלאַנג אין דער נאַכבארשאַפט פון פּאלעסטינא, אבער דאס יודענטהום האט זיך ניט געקענט פערברייטען אונטער דיא היידען, דורך צוויי אורזאַכען: ערשטענס, האבען דיא אידען גאָר ניט געזוכט אויפצונעהמען גרים, אונד צווייטענס, איז מילה איבערהויפּט געווען א גרויסע הינדערניס. היינט שטעלט זיך פאָר, דאס ווען דיא היידען האָבען פלוצלונג ערבליקט א מענשען וואָס איז געקומען פּרעדינען דאס יודענטהום (פּאולוס האט בעהויפּטעט אז קריסטענטהום איז דאָס

*) אַ וואהרע געטצענדיענסט אידעע, וועלכע האָט שוין לאַנג עקזיסטירט אין יעגיפּטען אונטער דער דריי־אייניגקייט פון אָזיריס (פאָטער), איזיס (מוטער), אונד האָראָס (זוהן.) במחילת כבודם פון אונזערע שפּעטערע קבליסטען, האָבען זייא אויך אריין געשלעפּט אין יודענטהום דיא שכינה, וואָס איז אַ שענדליכער ווידערשפּרוך צו דעם אחדות־הבורא מיט וועלכען דיא אידען האָבען מיט רעכט אימער שטאָלצירט.

וואהרע יודענטהום,) אונטער זייא, האבען זייא איהם אויפגענומען מיט ביידע הענד. איבערהויפט ווען ער האָט זייא דערצעהלט אז מיט ישוע'ס טויט אדער ער־שיינען, זיינען בטל געווארען אלע צערעמאָניען פון תורת משה, האבען זייא זיך נעכאפט מיט לייב אונד זעעלע צום זאָגענאַנטען יודענטהום,*) וואס זייא האבען שוין לאנג געזוכט אונד ניט געקענט צוקומען.

אלס פאולוס איז אריין אונטער דיא היידען, איז ער שוין ארויס עפענטליך מיט זיינע אידעען אונד גאַנץ דייטליך אויסגעשפּראָכען וואָס ער וויל. אין 10־טען קאַפּיטעל אין דעם בריעף צו דיא רוימער, זאגט פאולוס אזוי:

„דער תכלית פון דער תורה איז דער משיח צור גערעכטיגקייט פיר אַלע וואָס גלויבען אין איהם.... אונד דאָס איז דאָס וואָרט פון אמונה וואס מיר זיינען מגיד: אז דוא זאָלסט מיט דיין מויל מודה זיין אז ישוע איז דער העדר אונד אין דיין הערץ זאָלסטו גלויבען דאס גאָט האט איהם לעבעדיג געמאַכט פון דיא מתים, אזוי דאַמאלס קענסטו געהאָלפען ווערען.“**)

אַלזאָ, דער פונדאמענט פון דער גאַנצער קריסטליכער רעליגיאָן, איז דאר

*) אז דאָס קריסטענטהום, אויסער דעם אָבשאַפען פון דיא צערעמאָניען, האָט אין זיך ווירקליך געהאַט אנציהענדעס, דאריבער ליעפערן אונז דיא גמרא אונד אנדערע אלטע ספרים גענוג בעווייזע. עס ווערט אונז דערצעהלט דאָס זאָגאַר פיעלע פון דיא חכמים האָבען זיך געלאָזען איבעררעדען אונד זייא האָבען אַקצעפּטירט דיא קריסטליכע לעהרען. זעה דיא געשיכטע איבער רבי אליעזר בן הורקנוס (עבודה זרה, י״ז,) דיא אנגעגעלעגנהייט פון בן דימה ר׳ ישמאל׳ס שוועסטער׳ס א זוהן (עבודה זרה כ״ז) זעה ווייטער איבער ר׳ חנניה בן אחי, ר׳ יהושוע, יהודה בן נקוסא אונד אַנדערע פּראָמינענטע מעננער פון יודענטהום. (מדרש קהלת פי׳ כל כל הדברים ופי׳ ומוצא אני.)

**) דערפון איז ארויס צוזעהען, אז ישוע׳ס טויט, ניט זיין לעבען, דאס הייסט קריסטענטהום; דער גלויבען אין זיין לעבעדיג ווערען, ניט זיינע מאָראַל פּרעדיגטען, דאס איז דאָס קריסטענטהום. וויא וואַהר דאָס איז, ליעפערן אונז מייסטענטהיילס קריסטען פון דער געגענווערטיגען צייט, זעהר אַ גוטעס ביישפּיעל. דער פרומער אונד נאָטספאָרכטיגער רוסע, כל־זמן ער גלויבט אז ישוע איז געשטאָרבען אונד ווידער לעבעדיג געוואָרען, איז ער דערמיט אליין א גאַנץ גרעטער קריסט. ער מעג, אין דער זעלבער צייט, זיין דער ניעדריגסטער מענש פון דער געזעלשאַפט, מאַכט איהם זיין גלויבען צום גוטען קריסט. ווען אפילו אַ פרומער פּראָטעסטאַנט איז עובר אויף שפיכת דמים, איז עס גענוג ווען ער זאָגט: „יעזוס, מיין רעטער, פערצייהע מיר.“ דער גלויבען אז יעזוס קען איהם פערצייהען, מעקט אָב אַלע זיינע עוונות, פון אַ קריסטליכען שטאַנדפּונקט.

אלעמען, צו גלויבען אין ישוע׳ס אויפערשטעהונג, אונד דאס איז גאנץ גענוג. פּאולוס זאגט ווייטער:

„עס שטייט געשריעבען: „אונד דער וואס גלויבט ווערט ניט פערשעהמט, אונד ער מאכט קיין אונטערשיעד צווישען איד אונד גרעק, ווייל ער איז דער העדר פון אללע.״

אט דא ליעגט פּאולוס׳עס שמייכלערייא צו די היידען אונד זיין פערזיכערונג אז זייא זיינען גראדע אזוי גוט בייא גאט, וויא דיא „אתה בחרתנו׳קעס.״ אבער דערמיט אליין שטעלט זיך נאך פּאולוס ניט צו פריעדען, ער זעטצט פארט זיינע גלייכע-רעדעלעך מיט דיעזע ווערטער: „ישעיה זאגט צו זאגען: „איך בין גע-פונען געווארען צו דיעזע וואס האבען מיך ניט געהערט אונד ענטדעקט צו דיעזע וואס האבען מיך ניט פערלאנגט.״ אונד איבער דיא אידען זאגט ער: „איך האב אויסגעברייטעט מיינע הענד דעם גאנצען טאג צו א פאלק וואס איז א סורר ומורה״.

אין נעכסטען קאפּיטעל פון דעמזעלבען בריעף, זאגט פּאולוס פאלגענדעס:

„אונד איך זאג אייך היינט: איז עס מעגליך גאט זאל פערשטויסען זיין פאלק? חלילה! אויך איך בין א איד, פון זרע אברהם פון שבט בנימין. גאט האט ניט פערשטויסען זיין פאלק וואס האט איהם צום ערשטען אנערקענט. איהר ווייסט דאך וואס דער פסוק זאגט בייא אליהו׳ן ווען ער האט זיך בעקלאגט אויף דיא אידען פאר גאט, אזוי צו זאגען: גאט! דיינע נביאים האבען זייא געהרג׳עט, דיינע מזבחות צערשטויסען, אונד איך אליין בין איבערגעבליעבען אונד זייא האבען אויך געטראכט אויף מיין לעבען. אונד וואס ענטפערט איהם גאט׳ס ווארט? — איך האב מיר איבערגעלאזען זיעבען טויזענד מענשען וואס האבען ניט געדיענט צו בעל. אויך היינט האט ער איבערגעלאזען איין איבערבלייבעכץ״....

הערט ווייטער: „דיא אידען זיינען געשלאגען געווארען מיט בלינדטקייט פון איין זייט, ביז דיא ערפיללונג וועט קומען איבער דיא גוים. אונד דאמאלס וועט כל ישראל געהאלפען ווערען, וויא עס שטייט געשריעבען: „אונד פון ציון וועט קומען דער ערלעזער, אונד ער וועט אומקעהרען דיא זינד פון יעקב, אונד דאס איז מיין בונד מיט זייא, דאס איך וועל מוחל זיין זייערע זינד.״ *)

---

*) פּאולוס האט זיך ניט געפוילט צו פעלשען א פסוק אדער מעהרערע, ווען עס האט איהם געפּאסט צו זיין ציעל. דיא לעטצטע ווערטער וואס ער ציטירט, זייגען ענטנומען פון ישעיה, קאפּיטעל נ״ט, כ׳ וואו עס הייסט: „ובא לציון גואל ולשבי פשע ביעקב, נאום ד׳.״ פּאולוס׳עס

דאס קריסטענטהום, אדער פאולוס'עס יודענטהום, איז אלזא בעשטאנען בלויז אין בלינדען גלויבען, אונד דאס אליין איז שוין גענוג געוועזן פיר דעם היידע. דיא דיני מעשיות האט ער גענצליך אבגעשאפט אונד ער האט דאדורך געהאט דעם געווינשטען ערפאלג אונטער דיא היידען, וועלכע האבען ביז דאמאלס דאדורך ניט געקענט אננעהמען דאס יודענטהום. אונטערדעסען זיינען פערבליעבען פיעלע קריס־טען בייא דיא דיני מעשיות פון תורת משה. אין יאהר 163 האט דער דאמאליגער פאפסט ארויסגעגעבען א בעפעהל, אז דיא קריסטען זאלען פייערן דעם יום־טוב פסח אם זונטאג נאך דעם אידישען פסח, דאמיט מען זאל ניט פייערן מיט דיא אידען צוזאמען. אבער זעהר וועניגע האבען איהם געפאלגט. אין יאהר 203 האט דער פאפסט וויקטאר איין עהנליכען בעפעהל ארויס געגעבען, אונד דיא אריענטא־לישע קריסטען האבען זיך ענטזאגט זיינע ווערטער צו בעפאלגען. ער האט דאן געשריעבען צום פריעסטער פאליקראטי ער זאל אלעס מעגליכע אנווענדען אונד איבערענדערן דעם קריסטליכען פסח. פאליקראטי האט איהם אבער געענטפערט אז ער קען ניט ענדערן דאס וואס עס שטייט געשריעבען אין דער תורה אונד הערען וואס א מענש זאגט. (אונגעאכטעט דארויף וואס דער פאפסט איז אונפעהלבאר 1)

דיא קריסטליכע ימים טובים זיינען געבליעבען ווי בייא דיא אידען, ביז צום בע־ריהמטען קריסטליכען קאנגרעסס פון ניצעא, וואס האט שטאטגעפינדען אין יאהר 325, ווען אלע קריסטליכע ימים טובים זיינען געענדערט געווארען. דיעזע לעטצטע קריסטען האבען גאנץ גוט פערשטאנען פאולוס'ן, אונד זייא האבען געוואוסט אז זיינע לעהרען ערלויבען זיך אבצושיידען גענצליך פון יודענטהום אונד טהון וואס עס פאסט בעסער פיר דיא היידען. דיא מעשים אין קריסטענטהום, זיינען א תפל, דיא הויפטזאכע איז דער גלויבען. אונד כל־זמן דיעזער איז דא, איז קיין אונטערשיעד ניט וואס מען טהוט. אויב ישוע זעלבסט וואלט דערמיט איינגעשטימט, בין איך אין צווייפעל. פאולוס איז אבער געוועזן דערמיט איינפערשטאנדען, זאנסט האט ער דיא היידען אויף זיין זייט ניט געקענט אריעבער ברענגען אזוי לייכט.

---

1) ווערטער לויטען, לויט זאלקינסאן'ס העברעאישע איבערזעטצונג, וויא פאלגט: „ובא מציון גואל וישיב פשע מיעקב, ואני זאת בריתי אותם, כי אסלח לעונם." דאס איז געוויס ניט עהרליך, אבער פאולוס האט דאס בענעטהיגט צו זיין יודענטהום פיר היידען, אונד ער האט צוגעשריעבען דעם אלטען טעסטאמענט ווערטער, וועלכע זיינען א פאלשטענדיגער ווידערשפרוך צו דער לעהרע פון אלטען יודענטהום.

פיערצענטעס קאפיטעל.

דיא פערהעלטניסע פון יודענטהום צו דיא אידען־קריסטע, אונד היידען־קריסטען.

בשעת פאולוס האט פערפלאנצט זיין נייעס יודענטהום אדער קריסטענטהום צווישען דיא היידען, אונד דיעזע פלאנצונג האט אויך פריכטע געטראגען, איז צוריק געבליעבען דיא סעקטע קריסטען אונטער אידען, וועלכע האבען נאך געהאלטען אלע מצוות מן התורה. ווען דיעזע אידען־קריסטען וואלטען אזוי פערבליעבען, דאס הייסט, אונטער דער צערעמאניעלע אידישע רעליגיאן, נאר בלויז מיט א אידעע דערביי, וואלטען זייא ניט מעהר וויא געבילדעט נאך א סעקטע אין יודענטהום אונד קיינעם זאנסט ניט פיעל בעקימערט. אונטער אידען זיינען געוועזן א סך סעקטען אונד עס וואלט געוועזן נאך איינע. מען וואלט העכסטענס איבער זייא געקענט זאגען: „ישראל אעפ״י שחטא ישראל הוא.״ כל־זמן דער איד איז געבליעבען אויסווערטיג איד, האט דאס יודענטהום זיך זעהר וועניג בעקימערט אום זיינע איננערליכע אנזיכטען. דיא מנהיגי ישראל האבען בעאבזיכטיגט צו פערבלייבען א נאציאן פיר זיך זעלבסט, אימער פריש צו דיא אלטע שטרעבונגען, אונד דערצו איז נעטהיג געוועזן דיא אבזונדערונג אונד אבגרענצונג פון אנדערע דורך דער צערעמאניעלע רעליגיאן. דערפאר זעהען מיר אויך, אין דער ערשטער צייט, ווען מען האט אפילו ניט געלעבט בשלום מיט דער נייער סעקטע, האט מען זייא ניט אויסגעשלאסען פון כלל. עס איז געוועזן דער זעלבער פאל מיט דיא פערשיעדענע סעקטען פרושים אונד מיט צדוקים— אידען זיינען זייא פערבליעבען, טראטץ זייערע אנזיכטען. אבער דיא פאוליסטישע לעהרע צו דיא היידען, האט אויך געגרייכט צו דיא אידען־קריסטען, אונד דאמאלס האט געמוזט אנפאנגען דער קאמפף פון אבזונדערונג.

מיר בעמערקען דיא מערקווירדיגע אנזיכטען איבער דיא אידען־קריסטען, פון א גאנץ אנדערען שטאנדפונקט וויא מיר שטעלען זיך פאר יעטצט דיא קריסטען. מען האט זייא ניט גערעכענט אלס פעראירטע אונד פערבלאנדזעטע אין גלויבען, זאנדערן אלס איינפאכיגע רעבעלען נעגען דער אידישער רעליגיאן, אונד אלס להכעיס׳ניקעס פון דעם כלל אידען. מען האט זייא בעשולדיגט אין „מקדיחי תבשילם ברבים״ (ברכות י״ז; סנהדרין ק״ג.) מען האט בעהויפטעט אז זייא אנערקענען גאט אונד לייקענען דאך אין איהם, (שבת קט״ז, וירושלמי שם.) אם בעסטען דריקט זיך איבער זייא אוים דער מדרש, ווען ער זאגט: „ווען מען זאל זייא געבען דיא פרייהייט, וואלטען זייא אונטערגעצונדען דיא גאנצע וועלט מיט איהרע איינוואהנער, פיר איין לייכטע שטונדע״. (ב״ר רמ״ח.) עס האט איינפאך געהייסען, אז דעריענינער

וואס האט פון זיך געוואלט ארונטערוואַרפען דעם עול־תורה, איז געווארען א מיט־גליעד פון דער נייער סעקטע. דער פאוליזמוס פון דיא היידען, האט מיט דער צייט אבגעלונגען מיט פוללער קראַפט אונטער דיא אידען־קריסטען, אונד זייא האבען אנ־געפאנגען לאנגזאם, אבער רעגעלמעסיג, גענצליך צו פערשמייסען דיא אידישע צע־רעמאניעלע רעליגיאן. אום צו פערהיטען דיא עקזיסטענץ דער נאציאן, איז מען געצוואונגען געווען מיט דיעזע מענשען שווער צו קעמפפען. אז דיא חכמי־ישראל האבען קיין אירטהום געהאט מיט זייער איבערבליק, בעווייזט דיא געשיכטע, דאס דיא אידען־קריסטען האבען זיך ווירקליך נאכהער פערמישט אונד פערשלונגען גע־ווארען פון דער מאסע היידען. צו דיעזען צוועק האט מען פערפאסט „ברכת המינים" (ברכות, כ״ח.) מען האט זאגאר אויפגעפאסט יעדער זאל דיעזע ברכה זאגען, זאנסט האט מען אזעלכען חושד געווען אין קריסטענטהום אדער מינות. (ירושלמי שם פ״ה.) דאן איז ערשיענען א גזרה מען זאל פערברענען דיא עוואנגעליען (דאס נייע טעס־טאמענט,) אונד אנדערע קריסטליכע ספרים, (שבת ירושלמי ובבלי פט״ו, ותספ׳ פי״א.) עס איז פערבאטען געווארען מיט זייא זיך מתוכח צו זיין אונד מען זאל זיך פון זייא ניט לאזען היילען אפילו אויף א חיי שעה, (ע״ז, י״ז.) דיא אורזאכע פון דער לעטצטער ווארנונג איז געווען ווייל דיא אידען־קריסטען האבען געפּרעדיגט אז אלע צערעמאניע אין ודענטהום האבען אויפגעהערט, אונד זעהר פיעלע ווירקליך האבען געזוכט איין אויסוועג פּטור צו ווערען פון דער צערעמאניעלער לאסט. עס ווערט דאריעבער ספּעציעל געשפּראכען אונד אנגעצייגט, אז דער ויכוח מיט אידען־קריסטען איז דערפאר פערבאטען געווארען, ווייל דיא לעהרע איז געווען פערפיהרע־ריש אונד אנציהענדע, (ספרי שלח ט״ו, ע״ז, כ״ז.) מען האט ארויס געגעבען פער־שיעדענע גזרות וויא אזוי זיך צו ערוויטערן פון זייא מיט אלע מעגליכקייטען, (מכילתא משפטים עם מ״ס פ״ב, ע״ז, י״ז.)

עס איז געווען צו דיעזער צייט, גלויב איך, וואס „תולדות ישו" איז געשריע־בען געווארען, אונד מען האט דארט אנגעפּלוידערט אלע שקרים, מיט דער איינצי־גער אבזיכט צו פערמיאוס׳ן דעם נוצרי זעלבסט, אונד פארשטעלען פּאולוס, פּעטרוס *) אונד אנדערע אלס גאנץ פרומע אידען, בלויז דאס זייא האבען זיך מפקיר געווען צוליעב דער אידישער רעליגיאָן, אונד זיינען ארויס פּרעדיגען דיא קריסטליכע לעהרע וואס זאל אבזונדערן דיא אידען־קריסטען פון דעם כלל ישראל, כדי אנדערע זאָלען

*) זעה דאריעבער בהמ״ד פון יעלינעק ח״ו פון פרק ט״ז ביז פרק י״ט. זעה אויך וואס שד״ל זאגט אין כרם חמד ג׳ זייטע 102.

יט פערפיהרט ווערען. דאס בוך „תולדות ישו“ איז אלזאָ ניט מעהר געוועזען וויא איין אויסשפּרוך פון דיא דאמאָלינע געפיהלע געגען דער צייט פון דעם נוצרי׳ס ערשיינען אונד ווירקען. דיעזע אונהעפליכע אבער נויטוועגדיגע בעהויפּטונגען, האבען ארויס גערופען קנאה אונד שנאה צווישען דיא אידען אונד אידען־קריסטען, ביז דער ציעל פון דיא ערשטע איז ענדליך עררייכט געוואָרען אונד דיא דראָהענדע געפאהר פיר דער אידישער נאַציאָן איז פאראיבער, אונד דיא אידען־קריסטען האבען זיך גענצליך אבגעריסען פון יודענטהום אונד איבערגעגאנגען צו דיא היידנישע קריסטען.

וואס איז נוגע אבער דיא אומות העולם ווען זייא האבען אקצעפּטירט קריס־טענטהום, זיינען זייא פון אידען, פון א גאנץ אנדערן שטאנדפּונקט בעטראכטעט געוואָרען. דער איד אלס קריסט, איז געוועזען א פעררעטהער געגען זיין נאַציאָן אונד מען האט איהם דערפאר גערודף׳ט; דער היידע אבער אלס קריסט, איז געשטאנען פיעל העכער וויא דער היידע אלס געטצענדיענער. זייענדיג קריסט, האט ער פון זיך פיעל אדער וועניג ארונטערגעוואָרפען דיא שמוטציגע מדות פון געטצענדיענעריי. דיא היידען־קריסטען האבען אויך, אין פיעלע פעללע, אקצעפּטירט דיא רייגע אידישע מאראל אונד דעם גלויבען אין אחדות הבורא. דאס איז געוועזען אהנע צווייפעל, א טריאומף פיר׳ן יודענטהום. אבוואהל דיא קריסטען האבען עטאַבלירט דעם גלויבען פון דער דריי־איינינקייט, וועלכעס איז, אין א געוויסער בעציהונג, א ווידערשפּרוך צו דעם אידישען אחדות אלוה, האבען עס דאך דיא חכמי ישראל ניט בעטראכטעט אלס איין עבודה זרה. דער צוועק פון דער דריי־איינינקייט, איז געוועזען איין אחדות, אונד דיא חכמי התלמוד האבען דאס גראדע אזוי גוט פערשטאנען וויא דיא אינטעליגענטע קריסטען.*) זייא האָבען געזאגט: „דער וואס גלויבט אין גאָט, אפילו מען גיבט איהם צו א שותף, אבער מען אכטעט אין דער זעלבער צייט אויף דיא לעהרען דער גערעכטיגקייט צווישען מענש אונד מענש, אונד מען איז זיך מרחם על הבריות, אונד מען היט זיך אב פון רויב אונד מען פאָלגט נאך דיא מאראלישע פארשריפטען, איז מען געוויס ממלא גאָט׳ס רצון אונד מען איז מקיים דיא תורה אונד מצוות וואס גאט האט געגעבען צו דיא בני נח“. (סנהדרין נ״ו.) אזעלכער הייסט אויך א „חסיד פון דיא אומות העולם אונד האט א חלק לעולם הבא.“ (סנהדרין ק״ה.) עס זיינען נאך פערהאנדען צאהלרייכע אנדערע שטעלען וואס בעשטעטיגען מיין בעהויפּטונג, אז אידען האבען געקוקט זעהר גינסטיג אויף דער קריסטליכער בעוועגונג אונטער דיא היידען

---

*) זעה דאריבער סנהדרין ס״ג וויא אויך אין תוספות; אין בכורות ב׳ אונד תוספות.

פינפצענטהעס קאפיטעל.

קריסטענטהום קריעגט מאכט אונד זיין בעדייטונג אונטער זאָלכע אומשטענדען.

ווירקליך, עס האט דעם אידען ניט געקענט מעהר וויא פרייען, קוקענדיג אויף דיא געוועזענע היידען ווען זייא האבען אקצעפטירט קריסטענטהום. דיא מאָראל פון יודענטהום, וואס ישוע הנוצרי האט געפרעדיגט, האט געפונען א וועג אונטער דיא היידען, אונד מענשהייט אנשטאט רציחה, עדעלקייט אנשטאט ווילדהייט, האָבען אנגעפאנגען זיך צו פערברייטען אונטער דיא געטצענדיענער, וועלכע האבען אזוי לאנג געדיענט דיא געטער מיט אלע עקעלהאפטע צערעמאָניען פון בארבארען. מען מוז מודה זיין, אז אונטער דיא ערשטע היידען-קריסטען, האבען זיך ווירקליך געפונען עדעלע מענשען, וועלכע האבען פראקטיצירט וואהלטהאט אונד טאלעראנץ, אויף'ן העכסטען אופן. זייא זיינען אויך געוועזען איבערגעבען צו זייער אידעע מיט לייב אונד זעעלע, אונד זיך געאפפערט פיר זייערע אנזיכטען. ניט איינער פון זייא האט בעצאהלט מיט זיין לעבען אויף'ן שייטערהויפען פון דיא בארבארען אונד געטצענדיענער, אונד איז געשטארבען גליקליך אונד צופריעדען, וויא א הייליגער מערטירער פיר זיינע עהרליכע מיינונגען. אבער דיעזער צושטאנד האט ליידער ניט פיעל געדויערט. דיא קריסטען אין אלגעמיין, זיינען נאר געווען אזוי לאנג עדעלמיטהיג אונד טאלעראנט, וויא מען האט זייא אונטערדריקט אונד פערפאלגט; זייא האבען דאמאלס פראקטיצירט דעם ערשטען טהייל פון קריסטענטהום, עניוות אונד צדקה. קוים אבער האבען זייא ערהאלטען דיא קראפט אונד מאכט אין זייערע הענד, האבען זייא זיך גענומען צום צווייטען טהייל קריסטענטהום, וואס האט ביז דאמאלס געשלומערט, וויל זייער צושטאנד האט זייא ניט ערלויבט מיט איהם זיך צו בעדיענען.

קאנסטאנטין דער גרויסער, (געבוירען אין יאהר 274, געשטארבען אין יאהר 337.) איז געווען דער ערשטער וועלטליכער הערשער וואס האט אקצעפטירט קריסטענטהום אונד געארבייטעט פיר דער פערברייטונג פון דיעזער רעליגיאן. קאנסטאנטין, אלס דער ערשטער מעכטיגער קריסט, איז געווען א בלוטיגער טיראן אונד א ווילדער מערדער. אויסער דעם וואס ער האט זיך געבאדען אין בלוט פון פרעמדע, האט ער אויך ערמארדעט זיינע אייגענע קינדער. אט דיעזער מענש איז דער ערשטער וואס האט אויפגעטרעטען אין דער ראלע פון צווייטען טהייל קריסטענטהום.

אלס א קורצע פאררעדע צו מיין פאלגענדער שילדערונג, מוז איך דא דערצעהלען וואס עס האט פאסירט מיט עטליכע יאהר צוריק אין רוסלאנד: עס איז

געווען צו יענער צייט, וואס די ציוויליזירטע קריסטען פון אנדערע טהיילען אין אייראפא.האבען פארגעווארפען רוסלאנד אז זי האלט ניט פון וואהרען קריסטענ־טהום, דען על־פּי די אמת׳ע לעהרען פון ישוע הנוצרי און זיינע אפאסטאלען, טאר מען אידען ניט פערפאלגען, וועהרענד די רוסען טוען עס יא. דארויף האבען זיך איניגע רוסישע גייסטליכע מיישב געווען און צוזאמען געקליבען מעהרערע ציטאטען פון נייעם טעסטאמענט,*) וואו זיי האבען באוויזען, אז גראדע אין געגענטהייל, קריסטענטהום הייסט מען זאל אידען מארטערען און פערפאלגען. די ציוויליזירטע קריסטען האבען דאס אפילו פראבירט אנדערש מפורש זיין, אבער אין דיעזער בעציהונג איז זייער אונטערנעהמונג ניט געלונגען. די פירושים האבען ניט געשטימט מיט די דייטליכע ווערטער פון נייעם טעסטאמענט. און, איך בין איבערצייגט, אז די רוסישע גייסטליכע, האבען פאלקאמע רעכט געהאט. זיי ווייסען ניט קיין חכמות; זיי האבען געזאגט דאס, וואס דער צווייטער טהייל קריסטענטהום לערנט. יעצט וועלען מיר ערגרייפען דעם שנור פון צווייטען טהייל קריסטענטהום און זעהען וואוהין ער האט געפיהרט. ישוע הנוצרי זעלבסט, ניט פאולוס, האט געלעגט דעם גרונד־שטיין פון דעם צווייטען טהייל קריסטענ־טהום, וועהרענד זיין האס צו די פרושים און צדוקים. ער האט געזאגט:

„מיינע פיינדע, וואס האבען ניט געוואלט איך זאל איבער זיי הערשען, ברענגט „זיי אהער און הרג׳עט**) זיי אין מיין געגענווארט.“ (לוקאס, 19, 27.)

דיעזע ווערטער האבען אבגעקלונגען מיט א פיכטערליכען ווידער־קול אין די קריסטליכען קירכען, זא שנעל ווי די קריסטען האבען געקריגען קראפט און מאכט. די אידישע מאראל, געפּרעדיגט פון ישוע הנוצרי אויף איין זייט, איז דערטרונקען געווארען אין מענשען־בלוט אויף דער אנדערער זייט. אידען האבען געשפירט דיעזע ווערטער, מעהר אלס אירגענד איין אנדערע גרופּע מענשען אין דער וועלט. דיזער צווייטער טייל קריסטענטהום, האט ארויסגעריסען טייכען טרערען, וועלכע האבען פערפלייצט א וועלט און מיט זייער בלוט זיינען געשריבען

---

* איך האב דאס געלעזען אין „המליץ“, נאר ליידער קען איך מיך שוין ניט ערינערן אן דאטום.

** דיזעם ווארט הרג׳עט, ווי איך איבערזעצע, הייסט אין גריכישען אריגינאל katasfaxate אין דער ענגלישער ביבעל, revised edition, ווערט דאס איבערזעצט מיט דעם ווארט slay, אין זאלקינסאן׳ס ברית החדשה מיט והמיתום, און לוטהער איבערזעצט עס erwuerget.

געוואָרען אַ סך בלעטער אין דער געשיכטע דער מענשהייט. ישוע׳ס צווייטער טהייל קריסטענטהום, פון ווערגען און הרג׳ענען, איז מיט אַ זעלטענער פּינקט־ליכקייט דורכגעפיהרט געוואָרען — פיעל פּינקטליכער אַלס דער ערשטער טהייל קריסטענטהום פון מאָראַל און זיטען.

עס איז אַ פּיינליכע אויפגאַבע מאַנכע מאָל פיר אַ היסטאָריקער, ווען ער איז געצוואונגען צו שילדערען בלויז טרוקענע פאַקטען פון אונערהערטע גע־מיינהייטען. און מוז דאָביי צוריקהאַלטען זיין פעדער אויסצודריקען וואָס זיין האַרץ שפּירט. מיט מיר יעצט, איז אויך דערזעלבער פאַל. איך וואָלט געוואָלט אביסעל גוט אויסשימפּפען די מערדער־באַנדעס וואָס האָבען פעראונגליקט אַ וועלט אין נאָמען פון רעליגיאָן, אָבער איך וועל מיך צוריקהאַלטען און לאָזען דעם לעזער זעלבסט אורטהיילען. פון נאָך קאנסטאַנטין דעם גרויסען האָט אָנ־געפאַנגען דאָס קריסטליכע בלוט־באָד. איך וועל דאָ ציטירען אַ היסטאָריקער:

„נאָך דער אונטערדריקונג פון היידענטהום, (דורך שפּיז און שווערד,) האָט מען בלויז געקענט הערען פון אַ פּאָר קעטצער אָנגעקלאָגט פיר מאַגיע, צוויי אָדער דריי, די פון אלעקסיוס קאמאַנוס, אייניגע אַנדערע צום אָנפאַנג פון 11־טען יאָהרהונדערט אין פריינקרייך, און אייניגע קאטהארער און סעקטירער מיט עהנליכע אנזיכטען, וואָס מען האָט פערברענט אין קעלן אָדער אין איטאַ־ליען. דיעזע זיינען כמעט אלע וואָס זיינען אומגעקומען וועגען קעטצעריי וועה־רענד מעהרערע יאָהרהונדערטע פאר די אלביגענזער.” (Hartpole Lecky, 1. c. *S.* 21 u. ff.).

וועהרענד דיזער „אונטהעטיגער” צייט, האָט די קריסטליכע קירכע בלויז געקליבען קרעפטע, און דאַן האָט זי ערגריפען דאָס שווערט איןביידע הענד און אָנגעפאַנגען איהר ארבייט אין ערנסט, צו ערפילען ישוע הנוצרי׳ס לעהרע פון ווערגען און הרג׳ענען. „פון 1481 ביז 1808, זיינען אין שפּאַניען אליין פארברענט געוואָרע 31,912 מענשען; פון 17,659 האָט מען פארברענט זייערע בילדער (ד. ה., זיי אַליין זיינען ענטוועדער געשטאָרבען אָדער ענטלאָפען;) 291,456 האָט מען מיט שטרענגע שטראָפען בעלעגט. אונטער דיזע צעהלען זיך נאַטירליך ניט די אינקוויזיציאָנס־אָפּפער פון מעקסיקא, לימא, קארטהאגענא, וועסט־אינדיען, סיציליע, סארדיניען, אָראַן און מאלטא. עהנליכעם בעהויפּטעט

קען דאָ אַלזאָ זיין אַ דיספּוט אין דער קריסטליכער וועלט אויב ישוע הנוצרי האָט געמיינט אַז מען דאַרף זיינע פיינד ווערגען אָדער גלאַט הרג׳ענען. די קירכע האָט אָבער יוצא געווען לכל־הדעות: זי האָט גע׳הרג׳עט, געוואָרגען, געברענט און געשטאָכען. ישוע׳ס מיינונג איז שוין אָלענספאַלס ערפילט געוואָרען.

דער יעזואיט מאריאנא, אז אין דעם יאָהר ווען מען האָט איינגעפיהרט די אינ־קוויזיציאָן אין אנדאלוזיען, זיינען דאָרט 2000 מענשען פערברענט געוואָרען; און דער היסטאָריקער בערנאלדעז ערצעהלט, דאָס צווישען 1482—1489 זיינען בלויז אין סעווילא אליין 700 זאָגענאנטע קעטצער פון דעם פייערטויט געשטאָר־בען. אויסער דעם, איז געשטאנען אויסגעקלעפּט אַ צעטעל אויף דער טהיר פון דער אינקוויזיציאָן אין סעווילא, אין יאָהר 1524, דאָס זייט מען האָט פערטרי־בען די אידען אין יאָהר 1492, זיינען ביינאהע 1000 קעטצער אומגעקומען אין די פלאַמען.״

פּאַפּסט אינאָצענץ דער 4־טער, דער פערטרעטער פון ישוע הנוצרי, האָט ארויסגעגעבען פאָלגענדען באַפעהל: — —„אלע קעטצער וועלכע מען קאַן נאָר כאַפּען זאָלען באהאנדעלט ווערען ווי זעלען רויבער, מערדער, גנבים און פער־רעטהער געגען די געטליכע סאַקראַמענטען און דעם קריסטליכע גלויבען. מען זאָל זיי מאַרטערן און ניט קוקען דארויף וואָס זיי קענען בלייבען קאליקעס אָדער שטארבען. מען זאָל אלעם מעגליכע אנווענדען אז זיי זאָלען זיך מודה זיין אָדער אָנצייגען אַנדערע קעטצער.״ (זעה דאָס גענאַנטע בוך, זייטע 27.) איין עהנלי־כען בעפעהל האָט ארויס געגעבען פּאַפּסט קלעמענס דער 6־טער.

די פּעפּסטע, קארדינאַלען און בישאָפס, האָבען זיך שטארק אינטערעסירט, דאָס אין די פּאָלטער־קעלערען, זאָל זיך געפינען אַ גרויסער קרייץ מיט ישוע הנוצרי׳ס אַבבילדונג, דאמיט די אינקוויזיטאָרען זאָלען אימער האָבען אין זי־נען אין וועמעס נאָמען זיי צאַפּען דאָס מענשען־בלוט.*)

אָבער נאָך וואָס זאָל איך רעפּעטירען זאכען מיט וועלכע די געשיכטע איז פול? יעדער וויים, דאָס אין נאָמען פון קריסטליכער „עניוות״ און „ליעבע.״ האָ־בען מיליאָנען מענשען, אונטער דיעזע פרויען און קליינע קינדער, זייער לעצטען אטהעם אויסגעהויכט אויף די שייטערהויפענס, אין די געפענגניסע און אינקווי־זיציאָנס־קעלערען. איך קען מיך אָבער ניט צוריקהאלטען פון ברענגען נאָך אַ ביישפיעל, ווי אַזוי די הערשאַפט פון ישוע הנוצרי האָט געמוזט בעפעסטיגט ווערען, און ווי די הארטנעקיגע האָבען באַדאַרפט שפּירען די מאכט פון זיין רעגירונג:

אין יאָהר 1680 האָט מען אין מאַדריד געפייערט גרויסע ימים־טובים צוליב

---

*) זעה דאריבער: Le moyen-age et la Renaissance, T. III T. III אויך Emericus Directorium Inquisitorum.

דער קומענדע חתונה פון קארל דעם 2־טען. אין א טאג איז ערשיענען דער קעניג, זיין יונגע אונד פרומע כלה, דיא קעניגין, דיא גאנצע גייסטליכקייט אונד דאס פאלק. אלע האבען זיך פערזאמעלט אויף א גרויסען פלאטץ איינגעריכטעט וויא א טהעטער. דער קעניג איז געזעסען אויף א הויכען שטוהל אומרינגט פון דער גרעסטער אריסטאקראטיע; דיא קעניגין אומרינגט פון עדעלדאמען, אונד דאן האט געפאלגט דער גרויס־אינקוויזיטאר, אונד בישאף וואלדארעס איז געווען דער פארזיטצענדער פון דער סצענע. עס זיינען ערשיענען 1680 אפפער, וועלבע מען האט בעדארפט אין דיעזען טאג פערברענען, דערפאר וואס האבען ניט געוואלט אנערקענען דיא הערשאפט פון ישוע הנוצרי. אונטער דיעזע זיינען געווען פיעלע אידען אונד אידישע פרויען מיט אידישע מיידלעך. איין אידישעס מעדכען, פון א יאהר 17, איז געווען אזוי שעהן, דאס זיא האט יעדענ'ס אויפמערקזאמקייט צוגעצויגען. אויף דעם וועג צום שייטערהויפען, האט זייא ערבליקט דיא יונגע קעניגין, אונד זיך ווענדענדיג צו איהר, האט זיא געזאגט מיט א ציטערענדע שטימע: „גרויסע קעניגין! איז אייער געגענווארט ניט אימשטאנדע מיר צו פערשאפען א לינדערונג אין מיין אונגליק? בערעכענט מייע יוגענד אונד זעהט, דאס איך מוז פערברענט ווערען בלויז דערפאר, ווייל איך האב געהאלטען דיא רעליגיאן וואס איך האב איינגעזויגען מיט מיין מוטער'ס מילך.“

דיא פרומע קעניגין האט אויפגעהויבען איהרע אויגען צום הימעל, זיך אומגעווענדעט, אונד געשוויעגען. (Limborch: Geschichte der Inquis., III, p. 4.).

דאס אידישע מעדכען האט ניט בעגריפען וואס עס הייסט קריסטליכע „ליעבע“ אונד „רחמנות.“ ווען זיא וואלט דערפון געוואוסט, וואלט זיא אויך פערשטאנען, אז דיא גרעסטע „ליעבע“ ליעגט אין דעם, וואס זיא זאל פערברענט ווערען, כדי איהר נשמה זאל זיך אויסלייטערן אונד ארויף גלייך אין הימעל. דיא קעניגין אלס פרומע קריסטין, האט גאנץ ריכטיג געהאנדעלט. דיא שעהנע אידין איז געווען א רעוואלוציאנערין געגען דער הערשאפט פון ישוע הנוצרי, אונד זיא האט געמוזט פערברענט ווערען. מיטלייד מיט איהר, וואלט געווען א געגענזאטץ צום קריסטענטהום. אט דיעזע אידישע רעבעלען האבען געליטען אונד געשפירט דיא קריסטליכע „ליעבע“ מעהר וויא יעדער אנדערער. דיא קריסטליכע געשיכטע־שרייבער ווערען ניט מיעד דערצעהלענדיג פון דער „פארזיער בלוטהאכציים.“ דאס האט נאר פאסירט א פאאר מאל געגען דיא קריסטען וואס האבען ניט געוואלט פינקטליך בעפאלגען דאס וואס דער פאפסט, ישוע הנוצרי'ס פערטרעטער, האט געהייסען. אידען ווידער, האבען געהאט בלויז „בלוטיגע האכצייטען“ זייט קריסטענטהום האט ערגריפען דיא מאכט פון הערשאפט. כמעט אויף יעדען בלאט פון דער געשיכטע פון

קריסטליכער הערשאפט, וועט איהר געפינען פערצייכענט א גרעסערע אדער א קלענערע אידישע בלוטהאכציים.

ניין! דיעזע האבען קיין רעכט ניט, וועלכע בעשולדיגען אז דיא פעפסטע אונד אינקוויזיטארען זיינען ניט געווען קיין גוטע קריסטען. דאס איז ניט וואהר! זייא זיי־נען עס ווירקליך געווען דיא אמת'ע קריסטען, וועלכע האבען בעגריפען, דאס קריסט־ענטהום מיט מאכט, דארף פערניכטען אלע פיינדע פון קריסטענטהום. אזוי האט ישוע הנוצרי געזאגט, אונד זייא האבען קיין רעכט געהאט, אלס פרומע קריסטען, זיינע געבאטע ניט צו בעפאלגען.

איך בין זיכער אז דא וועלען מיר געוויס אייניגע ענטפערן: „דיא רומישע קא־טאליקען, אדער דיא קאטאלישע קירכע, איז ווירקליך געווען בלוט-דורסטיג אונד פערדארבען. דערפאר אבער איז ערשיענען דער גרויסער רעפארמאטאר לוטהער, דער פאטער פון פראטעסטאנטיזמוס, אונד ער האט געפרעדיגט וואהרעס קריס־טענטהום, פון ליעבע אונד מענשהייט, אונד פון טאלעראנץ אונד עדעלקייט.“ איך גלויב אז עס איז דערפאר ווערטה צו זעהען אויב דיעזע בעהויפטונגען זיינען וואהר. אין דער עקספאזיציאן פון דעם קאפיטעל 22 אין תהילים, זאגט לוטהער אזוי:

„דערפאר איז דאס וויטהען פון געוויסע קריסטען (אויב מען קען זייא קריסטען רופען), צום פערדאמען.... איך בעט אייך דערפאר, זאגט מיר, ווער וועט צו אונ־זער רעליגיאן איבערגעהען, ווען מען זאל אויך זיין דער זאנפטמיטהיגסטער אונד געדולדיגסטער מענש, ווען ער זעהט דאס ער ווערט אזוי גרויזאם אונד פיינדזעליג בעהאנדעלט. דאס איז ניט נאר ניט קריסטליך, זאנדערן א טהיערישע בעהאנדלונג. דיא מייסטענס פאסיאנס-פרעדיגער טהון קיין אנדערע זאך אויסער וואס זייא פרע־דיגען שנאה נעגען דיא אידען.“

הא! דאס איז דער ערשטער טהייל קריסטענטהום, בשעת לוטהער איז גע־ווען אהן קראפט און מאכט; בשעת ער אליין האט נאך געשפירט דיא מערדער־האנד פון דער רוימיש-קאטאלישער קירכע. אבער לוטהער איז געווען א וואהרער קריסט, א וואהרער אנהענגער פון ישוע הנוצרי. הערט נאר וואס ער זאגט ווען ער האט זיך שוין געשפירט מעכטיג און קרעפטיג:

„1) פערברען זייערע סינאגאגען אונד חדרים; דאס וואס עס וועט ניט ברענען, בעגראב אין דער ערד, זא דאס קיין שטיין אדער שפאן זאל צוריק בלייבען. 2) אויך דערזעלבער ארט זאלסטו איינברעכען אונד צערשטערען זייערע הייזער. 3) נעהם אוועק אלע זייערע געבעט-ביכער אונד תלמוד'ס, וואו עס איז גאר ניטא אויסער נאטלאזיג־קייט, ליגען, קללות אונד שימפפונגען. 4) דוא זאלסט פערביעטען זייערע רבנים צו

אונטעריכטעז, אונטער דער שטראפע פון טוידט אדער פערלירעז איין אבר. 5) פערביעטע זיי צו רייזעז, ווייל זיי זיינעז ניט קיין הערעז און ניט קיין בעאמ־טע. זיי זאלען זיצעז איז דער היים." (Luther's Werke p. 2471) אבער דאס איז נאך ניט אלעס. לוטהער פילט אוים איבער 400 זייטעז מיט אזעלכע שימפפערייען איבער אידעז, וועלכע בעצייכנעז איהם מיט דעם פאסענדעז נא־מעז „אנהענגער פון ישוע הנוצרי'ס צווייטער טהייל קריסטענטהום." און זיינע ווערטער האבעז אויך פריכטע געטראגעז. דער יעצטיגער אנטיסעמיטיזמוס איז פראטעסטאנטישע אינטאלעראנץ געגעז אידעז, זעהעז מיר אויך דיזעלבע קאטא־פראטעסטאנישע אינטאלעראנץ געגעז אידעז, זעהעז מיר אויך דיזעלבע קאטא־לישע בלוט־דורסטיגקייט איז פראטעסטאנטיזמוס. אין שאטלאנד," זאגט לעקי, „וואו די רעפארמירטע גייסטליכע האבען געמאכט א גרעסערען איינפלוס אלס אויף אירגענד איין אנדערען פלאץ, און ווי די מכשפות פראצעסעז זיינעז כמעט גענצליך אין זייערע הענד אריין געפאלען, איז געוועזען די פערפאלגונג, פערהעלט־ניסמעסיג, שוידערהאפט. יא, דער העקסענגלויבען האט זיך פערברייטעט מיט דעם פוריטאניזמוס זאגאר איבער דער נייער וועלט, און די היגריכטונגען אין מאססאטשוזעטס, בילדען איינעם פון די שווארצסטע בלעטער אין דער געשיכטע פון אמעריקא." (זעה H. Lecky, l. c., Bd. 1. S.) אבער דערמיט איז נאך ניט אלעס געענדיגט. דיעזע פראטעסטאנטעז, וועלכע זיינעז אנטלאפען פון איירופא נאך אמעריקא, ווייל מען האט דארט פערפאלגט, זיינען געקומען נאך אמעריקא, „צו דיענען גאט אין מענשענליעבע און פריעדען." גלייך אבער ווי זיי האבען ערהאלטען קראפט און מאכט, האבען זיי בעוויזען, אז אין דער בע־ציהונג פון רציחה או שפיכת דמים אין נאמען פון זייער רעליגיאן, שטעהען זיי גראדע אויף דערזעלבער שטופע ווי די אנהענגער און פיהרער פון דער רוימיש־קאטאלישער קירכע.

אבער וואס איז דא דער וואונדער? לוטהער איז געוועזען א קריסט, און אום ישוע הנוצרי'ס הערשאפט צו עטאבלירען, האט ער געמוזט אזוי האנדלען.

זעבצעהנטעס קאפיטעל

פון וואנען האט זיך גענומען דער צווייטער טהייל קריסטענטהום?

איך האב, דאכט מיר, אין די לעצטע קאפיטלען, גענוג דייטליך בעוויזען, אז די קריסטליכע מאראל־ פרעדיגטע, זיינען ניט געוועזען קיין אריגינאליטעטען. זיי זיינען שוין געוועזען בעקאנט אונטער אידען פון פריהער, און פאלגליך, קאן מען זא־גען אז זיי זיינען פון דער אידישער קוועלע געשעפט געווארען. זוכענדיג אין דער

נעשיכטע צו געפינען א קוועלע פון וואנען דיא קריסטליכע בלוטדורסטיגקייט איז גענומען געווארען, בין איך געקומען צו איין אונבעפריעדיגטען רעזולטאט. איך האב דיעזע אין קיין פלאטץ ענטדעקט. דר. פראנץ הובער, (לאטטעראנישע קרייצשפיננע, ז. 24), זאגט אזוי: „דאס היידענטהום האט איבערהויפט ניעמאנדען פערפאלגט בלויז פיר דעם גלויבען, זאנדערן געדולדעט אלע מעגליכע עבודות אונד רעליגיאנס־אויסאיבונגען, כל־זמן דיעזע האבען ניט געהאט קיין פאליטיש־רעוואלוציאנערע אב־זיכט, אום דאמיט צו פערברייטען שטאאטס־געפעהרליכע לעהרען אונד בעוועגונגען.“ דערזעלבער געלעהרטער קריסט, זאגט איבער דעם יודענטהום פאלגענדעס: „דאס מאזאישע געזעטץ האט פערבאטען דעם געטצענדיענסט אונד קעטצעריי פיר דאס גאנצע אויסערוועהלטע פאלק גאטטעס, אונטער דער איינשרעקונג פון פערטילגונג אונד צערשטרייאונג. פיר דעם יחיד, האט מען פיר אזא פערברעכען בעשטראפט מיט פערשטייניגונג. דיא אידען האבען אויך בעדארפט צערשטערען דיא געטצענבילדער אויף דיא שלאכטציגע אונד אין לאנד דורכאויס ניט דולדען קיין היידע, זאנדערן אלע בירגערליכע עבען וויא פאליטישע פערבינדונג צו פערמיידען מיט געטצענדיענערישע פעלקער,—אפילו נאר דיא איבעררעדונג צום געטצענד'ענסט זאל נאך זיך ציהען דיא טויטעסשטראפע. דערפאר אבער האט דאס מאזאישע געזעטץ ניט געקענט דיא מארטערענדע טויטעסשטראפען אונד אויך ניט געוואוסט פון דער פאלטער אום ארויסצובערענגען בעוויז־מיטלען; זאנדערן אלע לעבענסשטרא־פען זיינען געוועזען, לויט דיא פערהעלטניסע דער צייט אונד נאציאנאליטעט, דורכגע־פיהרט מילד, מענשליך, אונד אימער זעהר שנעלל.“ יעטצט וועלען מיר הערען וואס נאך א מאדערנער דענקער זאגט איבער דיעזען ענין:—„אלע שטראפען פון דעם מאזאישען־געזעטץ האבען פאזיטיוו אין זיך דעם גייסט פון מילדקייט. נאכדעם זייא זיינען, מייסטענטהיילס, אנגעמאסטען לויט דעם פערברעכען. איבערהויפט ווען מען שטודירט דעם כאראקטער פון פאלק פון ווערמעס ווענען זיי זיינען געמאכט געווארען אונד דיא שטראף־געזעטצגעבונג פון אנדערע אלטע פעלקער. פיעלע פון דיא אידישע געזעטצע האבען אין זיך קיינע שענדליכקייטען נאכגעטראגען (איבערהויפט זיינען ניט בעקאנט קיין עהרען־שטראפען אין מאזאישען־געזעטץ). אונד וואס עס איז נוגע דיא לייב־שטראפען אונד לעבענס־שטראפען, זיינען זייא פריי געוועזען פון מארטערענדע קוואלען.“ (Dr. G. B. Winner: Biblisches Realwoerterbuch. Ba. II, S. 537).

דיא טורטור איז גאנץ פרעמד געוועזען אונטער אידען ביז צו דער צייט פון הורדוס'ן. אבער ניט נאר דיא טורטור איז פרעמד געוועזען אונטער אידען, זאנדערן אויך דאס **לעבעדיג פערברענען אונד** דאס קרייציגען איז בייא דיא אידען ניעמאלס פארגעקומען

אלס לעבענסשטראפע ביז צו דער צייט וואס דיא רוימער האבען איינגעפיהרט אין פאלעסטינא זייער הערשאפט. איין ביישפיעל פון לעבעדיג פערברענען, קומט ערשט פאָר אין דער געשיכטע פון הורדוס׳ן כמעט אין דערזעלבער צייט, ווען דיא טיראנישע הערשער אין עגיפטען האבען אנגעפאנגען צו פערברענען אידען.*) נאך אלעמען, דארף מען ניט פערגעסען, אז זאגאר דיא שטראפען אונטער אידען פיר רעליגיעזע פערברעכען, האבען אין זיך אימער געהאט דיא מיינונג אונד ציעל, דיא נאציאָנאַלע אונד לאנדעס אָרדנונג אויף רעכט צו ערהאלטען. דאָס הייסט, מען האט זיך מעהר אנגענומען דיא מענשענ׳ס קריוודע, אלס גאָט׳ס קריוודע.

איך מוז דא איינפיהרען איניגע ביישפיעלע פון קריסטליכע רציחות, וועלכע זיינען דורכאוים אָריגינאל אונד האבען פון קיינעם ניט נעקענט קאפירט ווערען. פאָל־גענדע שילדערונג איז אינטערעסאנט אין דיעזער בעציהונג:—„דיא אפּפער האט מען בעדארפט, מיט 3 טעג פאר דער הינריכטונג, מארטערן אויף דער פאָלטער מאשינע, אונד דאן, דורך לאנגזאמען פייער, לעבעדיג פערברענען, דאמיט דיא ארמע זינדער זאָלען האבען מעהר צייט חרטה צו האבען אויף זייערע עברות.“
(Eymericus: Directorium Inquisit. p. 335.)

איינער דערצעהלט פון דיא קלאגען וואס א גלח פון זיין צייט (1610) האט ערהויבען, דאס דיא הינריכטונגען ווערען גאָר ניט פינקטליך געפיהרט, ווייל: "si quem videant strangulari, ac no vivum lenta flamma torreri." דאס הייסט: „ווען זיי דערווערגען יעמאנד, זעהען זיי איהם ניט פערברענען לאנג־זאם דורך פייער.“ (Clutin: De heareticus persecundis.) זאלכע שוידערהאפ־טיגקייטען, אין נאמען פון רעליגיאָן, אהנע אירגענד א ווייטערע אורזאכע, האבען קיין פערגלייך אונד קיין ביישפיעל, אין דער געשיכטע פון אלע בארבארישע פעלקער דער וועלט. אונד דיעזע אלע שילדערונגען בערוהען מעהר ניט, וויא דיא גאנצע ערשטע קריסטליכע געשיכטע, אויף השערות אונד ווידערשפרעכונגען, זאָנדערן אויף לעבעדיגע פאקטען וואס קיין פערנינפטיגער מענש וואגט אבצולייקענען אונד דיעזע זיינען דיא פריכטע פון א רעליגיאָן וואס מען דערצעהלט אונז, אז זיא איז געגרינדעט אויף ליעבע אונד מענשהייט! ווירקליך, מען מוז זיין מעהר אלס אונפערשעהמט אזוי וויט צו שפייען דער וואהרהייט אין געזיכט.

---

*) לוידער קען איך מעהר ניט מאריך זיין אין דיעזען ענין, אָבער דער לעזער ווערט אנגע־וויעזען אויף פאָלגענדע אַלטע היסטאָרישע קוועלען: Josep. Bell. Jud., 1. 30. 3. ibid. 1, 33. 4. איבערהויפט איז אינטערעסאַנט צו לעזען דאריעבער אין Philo, II, 542. ירגלייכען אין דעמזעלבען בוך מיט 527.

מיין ארבייט איז שוין צו ענדע, און די אויפגאבע וואס איך האב מיר געשטעלט פיר דיזען בוך, איז אלזא דורכגעפיהט. אבער איך געפין פיר נעטהיג אויף נאך עפעס אויפמערקזאם צו מאכען: דער פארטשריט, ציוויליזאציאן, וויסענשאפט און מענשהייט אונטער מאנכע קריסטליכע נאציאנען. איז ניט צו צושרייבען, ווי מאנכע אונוויסענדע באהויפטען, דעם קריסטענטהום. אין געגענטהייל, די געשיכטע פון דיזער רעליגיאן, ליפערט אונז באווייזע אויף שריט און טריט, אז דאס קריסטענטהום האט אימער געשטערט דעם פארשריט, און אויפקלעהרונג האט נאך ניעמאלס געהאט א גרעסערען שונא אלס דיזע רעליגיאן איז. די ציוויליזאציאן האט דורכגעבראכען דורך די אלע גרויסע הינדערניסע, ווי די זונענשטראהלען ברעכען דורך א פינסטערען וואלקען. דער מענשליכער גייסט, דיזער אימער שטרעבענדער פערמיטלער צו פארטשריט און פערעדלונג,—דיזער האט אונז געלערענט די וואהרע פרינציפען פון עדעלמוטה און מענשהייט. דיזער מעכטיגער גייסט, האט אויך ארונטער געריסען די פינסטערע מאסקעס פון די גאט׳ס סטראפצעס און טהיילווייז געבראכען די קראפט פון אונמענשליכן רעליגיעזען פאנאטיזמוס. ווען קריסטענטהום אלס רעליגיאן, האט אויך עפעס גוטעס אויפגעטאן, עבען ווי עס איז געווען דער פאל מיט אנדערע רעליגיאנען, איז דיזעס גוטע פערטרונקען געווארען און פערניכטעט אין די גרויסע ימים מענשען־בלוט וואס דיזע רעליגיאן האט פארגאסען.

די קריסטליכע רעליגיאן האט געמוזט האבען אזעלכע פאלגען, נאכדעם זי איז געגרינדעט געווארען פון אונוויסענדע מענשען, וועלכע האבען געהאסט, פון אנפאנג אן, יעדען ליכט־שטראהל און אויסגעדריקט זייער פעאכטונג צו דער אויפגעקלערטער וועלט. ישוע הנוצרי און פאולוס צוזאמען, האבען געהאנדעלט לויט נאך דיא אומשטענדען פון דער צייט און לויט ווי עס האט אמבעסטען געפאסט פיר זייערע אינטערעסען. זייערע נאכפאלגער אלזא, האבען ניט געקאנט בעסער זיין. אבער די צייט ווען די מענשהייט וועט הערען צו דעם אייניגען לעהרער—די פערנונפט, רוקט אן אלץ נעהענטער און נעהענטער. יוז דער מאמענט ווען די מענשהייט וועט פערשמייסען אלעם וואס שטערט איהר פארטשריט, ווינקט צו אונז פון דעם אויפגעהענדען ליכט וואס וועט בעלייכטען די גאנצע וועלט. „פארווערטס!“ הערט זיך אבהילכען פון אלעם וואס לעבט און אטהעמט: „פארווערטס צור פאלקאמענהייט!“ דאס איז א געזעץ פון דער נאטור, און געגען דיזער קראפט מוזען צוזאמען פאלען אלע בלינדע גלויבענס און פארשווונדען ווערען אין תהום דער פערגעסענהייט.